STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07474

A YOR IN TREBLINKE

Jankiel Wiernik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַנקעל וויערניק

אַ יאָר אין טרעבלינקע

פאַרלאַג „אונזער צייט"
ניו־יאָרק, 1944

Issued by
VERLAG "UNSER TSAIT"
175 EAST BROADWAY
NEW YORK 2, N. Y.

פרייז 30 סענט

393

אַריינפיר־וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיר ברענגען דערמיט צום אמעריקאנער יידישן לייענער אין א בוך-פאָרם די שילדערונג פון יאנקעל וויערניק — „אַ יאָר אין טרעבלינקע“. דאָס זיינען בילדער, וועלכע קאָנען מאכן גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן און, ווי בייזע שרעק-געשפענסטער, וואס קומען עפּעס פון אימהדיקע אָפּגרונטן, פארפאָלגן דעם לייענער טאָג און נאכט. מיר ברענגען אבער דאָס בוך, ווייל קיין שום יידישער מאן אָדער פרוי האָט נישט קיין רעכט צו באַפרייען זיך פון דער פליכט ארייַנצוקוקן אין אָט דעם אָפּגרונט פון גרויל און שרעק.

דאָס זענען איבערלעבונגען פון אן איינצעלנעם מענטשן, אבער זיי גיבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן די גרויזאמע מאָרד-יסורים, אין וועלכע די נאַצים און זייערע צוהעלפער האָבן אומגעבראכט מיליאָנען פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין די טויט-פאַבריקן, וואס מען האָט ספעציעל פאר דעם ציל אויסגעבויט. אַ יאָר לעבן פון יאַנקעל וויערניק שפּיגלט אָפּ די שוידערלעכסטע מגילה פון פּיין פון א גאנצן פאָלק.

טרעבלינקע איז איינער פון בערך א צענטליק מאָרד-לאַגערן, וועלכע די נאַצים האָבן אויפגעשטעלט אויף צו פארטיליקן די יידישע באַפעלקערונג פון אייראָפּע.

די מאַסן-שחיטות איבער יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אין הארבסט 1941. שוין אין אָקטאָבער 1941 האָבן די נאַצים פּאַרסמט אין גאַז-קאַמערן די יידישע באַפעלקערונג פון א ריי שטעטלעך פון לאדזשער אומגעגנט. דאָס זענען געווען די ערשטע פּרואוון פון וויסנשאַפטלעכן מאָרד. אויפן סמך פון דער דערפארונג פון די ערשטע גאַז-וואָגנס אין די וועלדער פון כעלמנא (קויאווער), האָבן די נאַצים שפּעטער אויפגעשטעלט מאָרד-פאבריקן אין

טרעבלינקע (ביי מאלקין), מיידאנעק (ביי לובלין), סאבידור (ביי כעלם), בעלזשיץ בירקענאו (דרום-מערב פוילן), אין דער אומגעגנט פון ווילנע, אין עסטאָניע און אייניקע אנדערע. אין די טויט-לאַגערן האָט מען צונויפגע-בראכט די יידן פון גאנץ אקופירטער אייראָפּע, און אויסגעשלאכטעט. לויט די לעצטע ציפערן, דערגרייכט די גאנצע צאָל יידן, וואס די נאַציס האָבן אויסגעמאָרדעט אין פוילן, אין די פארנומענע געגענטן פון רוסלאנד און דעפּאָרטירטע פון מערב-אייראָפּא — די גרויס פון אומגעפער זעקס מיליאָן. די שילדערונג פון יאנקעל וויערניק ווערט אזוי ארום אין א געוויסער מאָס פארוואנדלט אין א דאָקומענט, וואס גיט פאר די קומענדיקע דורות כאָטש א טיילווייזן בילד פון די שוידערלעכע טויט-קראמפן פון זעקס מיליאָן אומ-שולדיק אומגעבראכטע יידישע מענער און פרויען, אלט און יונג, זקנים און עופהלעך.

די מאָרד-ארבעט איז געווען ארומגעוויקלט מיט א געדיכטער געהיימ-ניש. קיינער, אחוץ די מערדער, האָט נישט געטאָרט ארויס קיין לעבעדי-קער פון מאָרד-לאַגער. דאָס האָט געהאָלפן די נאַציס דורך יאָרן פארבא-האלטן פון דער וועלט זייער שוידערלעכן פארברעכן. דאָס האָט זיי אויך געהאָלפן פארנארן א לאנגע צייט די קרבנות אין די טויט-לאַגערן, נישט אָנטרעפנדיק דערביי אויף א ווידערשטאנד. יאנקעל וויערניק, איינער פון די געציילטע לעבן-פארבליבענע עדות פון דער מאָרד-ארבעט, העלפט מיט זיין ביכל אויפצוהיטן פאר דער געשיכטע דעם טראגישסטן שאנדפלעק פון מענטשלעכן מין.

„דער מחבר פון דעם בראָשור „אַ יאָר אין טרעבלינקע", איז איינער פון ווארשע.

אָט וואס מיר ווייסן וועגן אים פון אונטערערדישן באריכט פון „בונד", וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון ווארשע דעם 24-טן מאי, 1944:

„דער מחבר פון בראָשור „אַ יאָר אין טרעבלינקע", איז איינער יאנקעל וויערניק, וועלכער איז געווען א פול יאָר אין דעם דאָזיקן טויטן-לאַ-גער. שפּעטער האָט ער צוזאַמען מיט אנדערע אָרגאַניזירט אן אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך פארענדיקט מיט פארניכטן דעם לאגער, פארברענען אלע איינריכטונגען און דערהרגענען די דייטש-אוקראינישע וואַך. אַ גרויסע צאָל פון די געפּייניקטע אין לאגער זיינען באפרייט געוואָרן. איך האָב געהאט אַ געלעגנהייט—שרייבט דער אַרויסשיקער פונם אונטערערדישן באריכט—צו האָבן א שמועס מיט וויערניקן. ער האָט מיר דערציילט, אז זיין „עלעמענ-טאַרע שול", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, האָט ער דורכגעמאכט אין 1904

און אין די שפּעטערדיקע יאָרן אין „בונד“, און זיין „מיטל-שול-בילדונג“ אין די בונדישע שולן פון „זעלבסטשוץ“; שפּעטער איז ער געווען א האַנט-ווערקער, געהערט צו דער האַנטווערקער-קאַמער און האָט זיך מיט פּאָליטי-שער אַרבעט נישט פאַרנומען.

עס איז אויסער דעם באַוואוסט, אז יאַנקעל וויערניק איז געווען אן אויס-געצייכנטער בעל-מלאכה, וואס האָט געהאַט, ווי מען דריקט זיך אויס, „גאָל-דענע הענט“, און אז ער האָט די גאַנצע יאָרן פון דער היטלער-אָקופּאַציע געוואוינט מיט זיין פאַמיליע אויף וואָלינסקע גאַס אין וואַרשע, ביז מען האָט אים צוזאַמען מיט אַנדערע געכאַפּט בעת די דעפּאָרטאַציעס פון וואַר-שעווער געטאָ און ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

די דעפּאָרטאַציעס פון וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 22-טן יולי, 1942. יעדן טאָג האָט מען גענומען ארויספירן און אָפּשיקן אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג“ פון זעקס ביז צען טויזנט יידן.

עטלעכע וואָכן נאָכן אָנהויב פון די דעפּאָרטאַציעס האָט מען געכאַפּט יאַנקעל וויערניק. א יאָר האָט ער נאָכדעם פאַרבראַכט אין טרעבלינקע, ער האָט געהערט צו דער „גליקלעכער“ גרופּע יידן, וועמען מען האָט נישט גלייך געטויט, נאָר מען האָט זיי געצוואונגען אויסצופירן פאַרשידענע אַרבעטן אין טויטן-לאַגער, — דער עיקר ביים באַגראָבן אָדער פאַרברענען די מתים. נאָך א יאָר פון אזא קאַשמאַרפולן לעבן איז אים מיט א גרופּע אַרבעטער געלונגען צו אַנטלויפן. א טייל פון דעם וואָס יאַנקעל וויערניק האָט געזען דורכן קאַשמאַרפולן פאַר אים יאָר, ווערט דאָ ווייטער געשיל-דערט. ווי דער מחבר דערציילט האָט אים בלויז איין האָפענונג אויפגע-האַלטן ביים לעבן, — די האָפענונג ווען-עס-איז צו האָבן א מעגלעכקייט אויפצודעקן פאַר דער וועלט די שרעקן, וואָס אים איז געגעבן געוואָרן צו זיין פון זיי אַן עדות. ער האָט אָט דעם ציל זיינעם דערגרייכט.

ער האָט באַלד ווי ער איז אַנטלאָפן, זיך גענומען צו דער פּעדער. דער יידישער קאָאָרדינאַציע-קאָמיטעט אין וואַרשע (פון „בונד“ און יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט) האָט אונטער היטלערן אומלעגאַל ארויסגעגעבן דאָס ביכל אין פּויליש. קאָפּיעס פון דעם בוך האָבן באַקומען די דעפּוטאַטן פון פּוילישן נאַציאָנאַל-ראַט ח׳ ד״ר עמנואל שערער און ד״ר איגנ. שוואַרצבאַרט. דורך זיי איז דאָס בוך געקומען אין ניו-יאָרק, וואו די שילדערונג איז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשידענע טאָג-צייטונגען.

אָבער דאָס איז א דאָקומענט, וואָס מוז אויפגעהיט ווערן אין פאָרם פון א בוך, דאָס איז א באַשרייבונג, וואָס יעדערער, וועלכער ווייטיקט מיט

דער פּיין פון די געשאָכטענע זעקס מיליאָן, מוז שטענדיק האָבן ביי זיך. דאָס האָט אונז באַוואויגן ארויסצוגעבן עס אין א בוך-פאָרם.

מיט די פשוטע ווערטער, אין וועלכע יאַנקעל וויערניק שילדערט זיינע איבערלעבונגען, האָט דער מחבר געשאַפן איינעם פון די שטאַרקסטע ווערק אין דער מענטשלעכער שפּראַך — ער ברענגט אונז דעם פאַנטאַסטישסטן דאָקומענט, וואס איז שטאַרק מיט זיין גרויזאמען אמת און נאַקעטן גרויל. דאָס איז די גרעסטע אין דער געשיכטע באַשולדיקונג קעגן דער נאַצישער חיה-מענטש, — דער שווערסטער באַשולדיקונגס-אַקט, ווייל ער שילדערט דעם שווערסטן און אומגלויבלעכסטן פאַרברעכן פון נאַציזם.

די נאַצים האָבן פאַרברענט די טויטע קערפּערס פון די פאַרפייניקטע, פאַרסמטע און אויף אנדערע אופנים געמאָרדעטע דורך זיי מיליאָנען יידן און נישט-יידן; זיי האָבן צעשפּרייט דעם אַש פון די קרבנות, באַפרוכפּערט מיט אים פעלדער, און פאַרפלאַנצט דאָרטן פיטער-פלאַנצונגען פאַר זיך און זייערע בהמות; זיי האָבן געטויט יעדן צופעליקן עדות פון זייער מאָרד-אַרבעט, און האָבן געגלויבט, אז זיי וועלן אזוי אַרום פאַרדעקן אַלע שפּורן פון זייער אומגעהויערן פאַרברעכן.

אָבער דער פאַרברעכן שרייט ארויס פון דער ערד, איבער וועלכער עס איז צעשפּרייט געוואָרן דאָס אַש; זיין אָפּקלאַנג ווערט געבראַכט אויף די פליגלען פון אַלע פיר ווינטן, וואס קאָנען נישט אויפהערן פונאַנדערצוטראָגן איבער דער וועלט די לעצטע קרעכצן פון מיליאָנען אומשולדיק-פאַרפייניקטע; דער ווידערקלאַנג פונם פאַרברעכן שפּאַנט איבער דער וועלט אין די פיל טויזנטער קינדער-שיכלעך, וואס זיינען פאַרבליבן נאָך די אומגעקומענע אין מאַידאַנעק. און דאָס אַלץ איז מעגלעך געוואָרן צוליבן עדות-זאָגן פון אייניקע צופעליק לעבן-פאַרבליבענע צושויער פון דער מאָרד-אַרבעט, און, צווישן אַנדערע, אויך דערפאַר, וואס דער פאַרברעכן איז פאַראייביקט אין דעם ווי-טער קומענדיקן דאָקומענט, וואָס וועט ווערן אַן אייביקער דענקמאָל פון נאַ-צישער בעסטיאַלישקייט און שאנד, — אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון האַס און קאַמפּס-ווילן קעגן פאַשיזם אין אַלע זיינע פאָרמען.

פאַרלאַג „אונזער צייט".

דעצעמבער, 1944.

טייערער לייענער,

נאָר פאַר דיר פאַרלענגער איך מיין נעבעכדיק לעבן. פאַר מיר האָט עס פאַרלוירן יעדן רייץ. ווייל צי קען איך דען נאָך פריי אָטע־מען און זיך פרייען מיט דעם אלעם, וואָס די נאַטור האָט געשאַפן?

אָפט וועק איך זיך אויף אין מיטן נאַכט מיט שרעקלעכע קרעכצן. געשפּענסטליכע קאָמשאַרן רייסן איבער דעם אזוי באַגערטן שלאָף. איך זע — טויזנטער סקעלעטן, זיי ציען צו מיר אוים זייערע טויטע הענט און בעטן רחמנות און לעבן. און איך — א באַגאָסענער מיט שווערע טראָפּנס שוויים — בין מאכטלאָז זיי צו העלפן. איך הויב זיך האַסטיק אויף, רייב אוים די אויגן און פריי זיך, אז עס איז בלויז אַ חלום. מיין לעבן איז פארסמט. געשפּענסטער פון טויט שוועבן פאַר מיר. קינדער, קינדער, און נאָך אמאָל קינדער!

מיינע אלע נאָנטסטע האָב איך געבראַכט פאר א קרבן. איך האָב זיי אליין געפירט צו דער שחיטה . . . איך האָב אליין פאר זיי געבויט טויט־קאַמערן.

איצט בין איך אַ היימלאָזער, אַלטער מאַן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן משפחה, אָן נאָנטע. איך רעד צו זיך אליין, איך דערצייל אַלץ זיך אַליין. איך בין נע־ונד. מיט שרעק גיי איך אַריין אין אַ מענטשלעכן ישוב. עס דוכט זיך מיר, אַז אַלע מיינע איבערלע־בונגען זענען אויסגעקריצט אויף מיין פּנים. ווען איך דערזע זיך אין אַ טייך אָדער פליסנדיקן קוואַל — קרימען מיין געזיכט אוים פּחד און פאַרוואונדערונג. צי בין איך ענלעך צו אַ מענטש? ניין, הונדערט מאָל ניין! באַוואקסן, אָפּגעלאָזן, חרוב. הונדערט יאָרהונדערטער שלעפּ איך אויף מיינע פּלייצעס. עס איז מיר שווער. אוי וויי, ווי שווער! דאָך — דערוויל מוז איך שלעפּן דעם עול. **איך וויל און מוז עס דאָך טאָן.** איך, וועלכער האָב געזען דאָס פאַרניכטן פון 3 דורות, מוז לעבן פאַר דער צוקונפט. די גאַנצע וועלט מוז זיך דערוויסן וועגן דער נידערטרעכטיקייט פון די באַרבאַרן. יאָרהונדערטער און דורות וועלן זיי פאַרדאַמען. און טאקע איך מוז גורם זיין דערצו! אין דער דרייסטסטער פאַנטאַזיע וועט קיינער זיך נישט פאָרשטעלן די בילדער, וועלכע איך האָב געזען און איבערגעלעבט. קיין שום פעדער איז דאָס נישט אימשטאַנד צו באַשרייבן.

איך וויל אַלץ דערציילן ריכטיק און פּינקטלעך. זאָלן מענטשן וויסן! זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, וואָס דאָס באַטייט „מערב־קולטור".

איך האָב געליטן, פּירנדיק מיליאָנען צום אומקום, זאָלן מיליאָנען וועגן דעם וויסן. צוליב דעם לעב איך. דאָס איז מיין איינציקער ציל. אין איינזאמקייט און שטילקייט באַטראַכט איך ווידעראַמאָל דאָס אַלץ איבער, וואָס איך האָב געזען און דערציייל עס ריכטיק. איינזאַמקייט און שטילקייט זענען מיינע טרייע פריינד. נאָר דאָס צווי־טשערן פון פויגל באַגלייט מיך אין נאָכטראַכטן און אַרבעט.

טייערע פייגל, איר האָט מיך נאָך ליב. ווען נישט — וואָלט איר נישט געזונגען אזוי פרייליך און וואָלט זיך נישט אזוי שנעל צוגע־וואוינט צו מיר. איך האָב אייך ליב, ווי איך האָב ליב יעדע גאָטס באַשעפעניש. אפשר וועט איר מיך אויסהיילן, אפשר וועל איך נאָך אמאָל קענען לאכן.

אפשר וועט דאָס קומען נאָך דעם, ווי איך וועל ענדיקן מיין אַר־בעט און פון אונזערע פּים וועלן אראָפּפאַלן די קייטן.

* * *

געשען איז עס דעם 23טן אויגוסט 1942 אין וואַרשע בעת דער בלאָקאַדע. איך האָב זיך געפונען ביי שכנים און שוין נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אַהיים. פון אַלע זייטן האָט מען גע־הערט ביקסן־שאָסן, אבער מיר האָבן נישט געוואוסט דעם גאַנצן בי־טערן אמת. אונדזער שרעק איז פאַרגרעסערט געוואָרן מיטן אַריינ־קומען פון די דייטשע „שאַרפירערס"*) און די אוקראַינישע „וואַכ־מענער". זיי האָבן מיט הויכע דראָענדיקע שטימען געשריען: „אַלע אַרויס". אויף דער גאַס האָט דער „שאַרפירער" אַלעמען אויסגע־שטעלט אין די רייען. עס זענען געווען דאָרט צונויפגעטריבן מענטשן אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט. דער „שאַרפירער" האָט מיט פאַרגעניגן אויסגעפירט זיין אַרבעט. זיין פּנים האָט שמייכ־לענדיק געשטראַלט. א געשיקטער און פלינקער, איז ער אומעטום געווען. ער האָט אונדז באַטראַכט, סאָרטירט. זיין בליק האָט זיך געגליטשט איבער אַלעמענס פּנימער. מיט א סאַדיסטישן שמייכל האָט ער געקוקט אויף דעם גרויסן ווערק פון זיין גרויס פאָטערלאַנד, וועלכעס וועט מיט איין קלאַפּ אראָפּרייסן דעם קאָפּ פון דעם שעד־לעכן שלאַנג.

מיין בליק פאַלט אויף זיין פּנים. ער איז דער נידערטרעכטיק־סטער פון אַלע. א מענטשלעך לעבן איז פאַר אים גאָרנישט ווערט.

---

*) „שאַרפירער" — אַן־אָנפירער פון א גרופּע ביי די דייטשע ס. ס.

עמיצן — אין מוראדיקסטע יסורים צו ברענגען דעם טויט — איז זיין גרעסטער פארגעניגן. פאַר זיינע „העלדישקייטן" איז ער שפּעטער געוואָרן אַן „אונטערשטורמפירער".

געהייסן האָט ער פראַנץ. ער האָט געהאַט אַ הונט בּארי, וועגן וועלכן איך וועל נאָך דערציילן. איך בין געשטאַנען אין דער ריי קעגנאיבער דעם הויז וואו איך האָב געוואוינט אויף וואָלינסקאַ גאַס. פון דאָרט האָט מען אונדז ארויסגעפירט אויף דער זאַמענהאָף גאַס.

אין אונדזער אַנוועזנהייט האָבן זיך די אוקראַינער געטיילט מיטן אַנגערויבטן האָב און גוטס. זיי האָבן אַלץ אויסגעפּאַקט און סאָר־טירט און דערביי זיך געקריגט צווישן זיך.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אויפן גאַס האָט זיך געפונען אַזאַ מאַסע מענטשן, האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אַ שטומע און גרויזאַמע פאַרצווייפלונג האָט אַלעמען ארומגענומען. וואָס פאַר רעזיגנאַציע! און דאָך — האָבן מיר נאָך אַלץ דעם פולן אמת נישט געוואוסט. מען האָט אונדז פאָטאָגראַפירט, ווי חיות פון פאַרן מבול. טייל זענען אפילו געוועזן צופרידן. איך אליין האָב געהאַט אַ האָפע־נונג צוריקצוקומען אַהיים. איך האָב געמיינט, אַז מען וועט אונדז בלויז לעגיטימירן.

לויט אַ באַפעל רירן מיר זיך פון אָרט. אַ שוידער נעמט אונדז אָרום, מיר האָבן דערזען די נאַקעטע ווירקלעכקייט. —

וואַגאָנען, ליידיקע וואַגאָנען, אַ פרעכטיקער, ברענענדיקער זומער־טאָג. עס דוכט זיך אויס, אַז די זון בונטעוועט זיך קעגן דער אומגערעכטיקייט. וואָס זענען שולדיק אונדזערע פרויען, קינדער און מאַמעס? פאַרוואָס? די זון באַהאַלט זיך הינטער די וואָלקנס. זי איז ערלעך, ליכטיק און שטראַלנדיק, זי וויל נישט קוקן אויף אונדזער פּיין און דערנידעריקונג.

אַ באַפעל אַריינצוגיין אין די וואַגאָנען. מען פּאַקט אָן צו 80 מענטשן אין אַ וואַגאָן. דער וועג אויף צוריק איז פאַרמאַכט. איך האָב געהאַט אויף זיך בלויז הויזן, אַ העמד און פּאַנטאָפל. אין דער היים איז איבערגעבליבן דער רוקזאַק מיט די צוגעגרייטע זאַכן און הויכע שטיוול. איך האָב דאָרט אַלץ צוגעגרייט, ווייל עס האָבן קור־סירט קלאַנגען, אַז מען וועט אונדז ארויסשיקן אויף אַרבעט אין אוּ־קראַינע. דער צוג איז אַראָפּ פון איין רעזערוו־ליניע אויף דער צוויי־

טער. אזוי ווי איך האָב גוט געקענט דעם באַן־קנופּ, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיר רירן זיך נישט פון אָרט. די אוקראַינער האָבן זיך דערווייל גוט געוויילט. צו אונדזערע אויערן זענען דערגאַנגען זייערע געשפּרעכן און הויכע געלעכטערס. אין וואַגאָן ווערט די לופט אַלץ מער שטיקנדיק, עס איז שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. האָפנונגלאָז, טרויעריק און שרעקלעך. מיין בליק האָט אַרומגענומען אַלץ און אַלעמען און דאָך בין איך נישט געווען אימשטאַנד צו באַנעמען די גרוים פון דעם אומגליק. איך האָב געגלויבט אין פּיין און יסורים, אין נע־ונד זיין, אין הונגער — אבער איך האָב נישט געגלויבט, אַז די אומברחמנותדיקע האַנט פון תליון הענגט איבער אונדז, איבער אונדזערע קינדער, איבער אונדזער גאַנצער עקזיסטענץ. אין גרענעצלאָזע יסורים פאָרן מיר צו צו מאַלקין. דאָרט זענען מיר געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט. אין וואַגאָן זענען אַריין אוקראַינער. זיי האָבן געפאָדערט ווערטפולע חפצים. אַלע האָבן געגעבן, כדי אויף אַ קורצער ווײַלע צו ראַטעווען דאָס לעבן. איך האָב, ליידער, גאָרנישט געהאַט. ערשטנס — דערפאַר, וואָס איך בין אומגעריכט אַרויס פון שטוב; צווייטנס — האָב איך בעת דער מלחמה אַלץ אויספאַרקויפט, כדי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן. איך האָב דאַן גאָרנישט פאַרדינט.

אין דער פרי האָט דער צוג גערירט פון אָרט. מיר זענען פאַרפאָרן צו דער סטאַנציע טרעבלינקע.

איך האָב באַמערקט אַ פאַרבייפאָרנדיקן צוג. אין אים האָבן זיך געפונען אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע אויסגעהונגערטע מענטשן. זיי האָבן עפּעס צו אונדז גערעדט — אָבער מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען. דער טאָג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך הייסער, די לופט שרעקלעך שטיקנדיק. מיר זענען דעריבער געווען זייער דורשטיק. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. פּויערים האָבן געבראַכט וואַסער און געפאָדערט 100 זלאָטעס פאַר אַ פלעשל וואַסער. איך האָב נישט געהאַט מער ווי 10 זלאָטעס, חוץ דעם אין זילבערנע מטבעות (מיטן בילד פון מאַרשאַל פּילסודסקי) 2, 5 און 10 זלאָטעס, וועלכע איך האָב געהאַט באַהאַלטן אַלס אָנדענק. איך האָב זיך דערפאַר געמוזט אָפּזאָגן פון וואַסער.

אַנדערע האָבן יאָ געקויפט. פאַר אַ קילאָגראַם שוואַרץ ברויט האָט מען געצאָלט 500 זלאָטעס. ביזן מיטן טאָג האָט מיך געפּייניקט דער דורשט. דאַן איז אַריינגעקומען דער שפּעטערדיקער הויפּט שטורמפירער. ער האָט אויסגעקליבן 10 מענטשן, וועלכע האָבן

אונדז געבראכט וואסער. איך האָב טיילוויז געשטילט מיין דורשט. מען האָט געהייסן באַזייטיקן די מתים. אַזעלכע זענען אָבער נישט געווען.

4 אַזייגער נ. מ. האָט דער צוג גערירט פון אָרט און מיר זענען אַריינגעפאָרן אין לאַגער — טרעבלינקע.

ערשט דאָרטן איז פון אונדזערע אויגן אַראָפּגעפאַלן דער שלייער. אויף די דעכער פון די באַראַקן זענען געשטאַנען אוקראַינער מיט ביקסן און מאַשינען-געווער. דער פּלאַץ איז געווען באַדעקט מיט מתים. עס זענען געווען מתים — אָנגעטועגע און נאַקעטע. זייערע פּנימער זענען געווען אויסגעקרימט פון שרעק און שוידער. זיי זע-נען געווען שוואַרץ און געשוואָלן. די אויגן ברייט געעפנט, די צינ-גער אַרויסגעהאַנגען, דער מאַרך צעגאָסן, די קערפּערס פאַרקריפּלט. אומעטום בלוט. אונדזער אומשולדיק בלוט. דאָס בלוט פון אונדזערע קינדער, ברידער און שוועסטער. דאָס בלוט פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס. און מיר, שוצלאָזע, פילן, אַז מיר וועלן זיך פון אונדזער גורל נישט אַרויסדרייען. מיר וועלן אויך ווערן קרבנות. אָבער וואָס קען מען דערויף העלפן? אַך, ווען דאָס וואָלט נאָר געווען אַ וויסטער חלום!

אָבער ניין — דאָס איז די נאַקעטע ווירקלעכקייט. ליידער, איז דאָס די אַזוי גערופענע דעפּאָרטאַציע — דעפּאָרטאַציע אויף יענער וועלט — באַגלייט דורך טויזנטער פּיין און יסורים.

זיי הייסן אויסשטייגן פון די וואַגאָנען, די פּעקלעך איבערלאָזן. מען פירט אונדז אַרום אויפן הויף. פון ביידע זייטן פון הויף זענען געשטאַנען באַראַקן. עס זענען געווען צוויי גרויסע טאָוולען מיט אויפשריפטן, אַז מען זאָל אָוועקגעבן דאָס געלד, זילבער, בריליאַנטן, געלט און ווערטפולע חפצים. אויב נישט — דראָט טויט. אויף די דעכער זענען געשטאַנען אוקראַינער מיט מאַשינען-געווער. פרויען און קינדער האָבן זיי געהייסן גיין לינקס, די מענער האָבן זיי געהייסן זיך זעצן אויף דער רעכטער זייט. פון דער ווייטנס זענען געשטאַנען מענטשן און געאַרבעט. זיי האָבן צונויפגעליינט די פּעקלעך, וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פון די וואַגאָנען. איך האָב זיך אַריינגע-גנבעט צווישן די, וועלכע האָבן געאַרבעט און אָנגעהויבן טון די זעל-בע אַרבעט. איך האָב באַקומען דעם ערשטן זעץ מיט אַ נאַגייקע פון דעם דייטש, וועלכן מען האָט גערופן פראַנקענשטיין. פרויען און

קינדער האָט מען געהייסן זיך אויסטאָן. וואָס מען האָט מיט די מענער געטאָן האָב איך נישט באַמערקט, מער האָב איך זיי שוין נישט געזען. פּאָר זון־אונטערגאַנג איז געקומען נאָך אַ צוג פון מעזריטש. אין דעם צוג זענען געווען 80 פּראָצענט מתים. מיר האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן.

מען האָט אונדז געשלאָגן אָן רחמנות ביז שפּעט ביינאַכט. מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט. איך האָב געפרעגט איינעם פון די, וואָס האָט געאַרבעט: „וואָס באַטייט דאָס אַלץ?״ יענער האָט מיר געענטפערט: — מיט ווען מען רעדט היינט, דערלעבט שוין נישט מאָרגן. מיר וואַרטן אין שפּאַנונג און פּחד. נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן אין אַ האַלבקרייז. עס איז צו אונדז צוגעגאַנגען דער „שאַרפירער״ פראַנץ מיטן הונט און אַן אוקראַאינער מיט אַ מאַשין־ביקס. מיר זענען געווען 500 פּערזאָן. מיר שטייען שטומע אין שפּאַנונג. זיי האָבן אויסגעקליבן פון אונדזער גרופּע אַן ערך 100 מענטשן. זיי שטעלן אונדז אויס אין פינפטלעך, פירן אונדז אַוועק ווייטער און הייסן אונדז זיך שטעלן אויף די קני. איך בין געווען צווישן די אויסגעקליבענע. מיר הערן דאָס קנאַלעריי פון די מאַשין־ביקסן, דאָס קרעכצן און געשרייען פון די דערשאָסענע. איך האָב זיי שוין קיין מאָל מער נישט געזען. מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין די באַראַקן, שלאָגנדיק אונדז אומאויפהערלעך מיט נאַגייקעס און קאָלבעס פון ביקסן. אין באַראַק איז פינצטער, נישטאָ קיין פּאָדלאָגע. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד און איינגעדרימלט.

צומאָרגנס האָט מען אונדז אויפגעוועקט מיט אַ הילכיקן געשריי — „אויפשטיין״. מיר האָבן זיך תיכף געשטעלט אויף די פיס און אָנגעהויבן אַרויסגיין פון באַראַק אויפן הויף. די געשרייען פון די אוקראַאינער האָבן געהילכט פון אַלע זייטן. אויפן גאַנצן וועג האָבן די „שאַרפירער״ אונדז געשלאָגן מיט נאַגייקעס און קאָלבעס פון די ביקסן. מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן אין רייען. לענגאויס אין רייען זענען געשטאַנען אונדזערע פּאַרפּאַלגער און אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן געשלאָגן. גענוג לאַנג זענען מיר געשטאַנען צעקאַטעוועטע און קיין שום באַפעלן נישט באַקומען.

עס איז געווען באַגינען. איך האָב געטראַכט, אַז די נאַטור וועט זיך אָננעמען אונדזער קריוודע און זי וועט לאָזן דונערן פאַלן אין אונדזערע באַרבאַרישע פייניקער. די זון אָבער, געטריי איר נאַטור-

געזעץ, האָט אינגיכן ארויסגעשיינט און זי האָט איר שטראַלנדיקן בליק געוואָרפן אויף אונדזערע צעבלוטיקטע, צעממיתטע קערפּערס און טיף אריינגעבליקט אין אונדזערע צעווייטיקטע נשמות.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיין פאַרטראַכטקייט. מיט אַ ציטער האָב איך דערהערט: „אַכטונג". פאַר אונדז איז געשטאַנען אַ גרופּע „שאַרפירערס" און אוקראַינער. אין דער שפּיץ איז געווען דער „אונטערשטורמפירער" פראַנץ מיט זיין הונט באַרי. פראַנץ האָט געמאַלדן זיינע קאָלעגן, אז איצט וועט ער ארויסגעבן אַ באַפעל. אויף אַ געגעבענעם צייכן האָט מען אונדז אָנגעהויבן צו ממיתן. מען האָט געשלאָגן, ווי עס האָט זיך געלאָזן. מען האָט צעריסן אונדזערע פּנימער און קערפּערס. יעדער האָט געמוזט שטיין גלייך. פאַר דעם קלענסטן איינבויגן זיך איז ער געוואָרן דערשאָסן, אַלס אַ נישט פּעאיקער צו דער ארבעט.

ווען זיי האָבן שוין גענוג אָנגעזעטיקט זייער בלוטדורשטיקייט און מיר זענען שוין געווען פולשטענדיק צעמזיקט, האָט מען אונדז אָנגעהויבן צו גרופּירן אין רייען. איך בין פאַררעכנט געוואָרן צו דער גרופּע, וואס האָט געאַרבעט ביי די מתים. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע ארבעט, ווייל אין צווייען האָט מען געמוזט שלעפּן אַ טויטן קערפּער אן ערך 300 מעטער. טיילמאָל האָבן מיר דעם מת אַרומגעבונדן מיט אַ רימען און געשלעפּט צום גרוב.

פון דער ווייטנס האָב איך באַמערקט אַ לעבעדיקע נאַקעטע פרוי. זי איז געווען יונג און הערלעך. איר בליק איז געווען ווי וואַנזיניק. זי האָט עפּעס גערעדט צו אונדז, אָבער מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען און איר נישט געקאָנט העלפן. זי האָט אויף זיך ארויפגעוואָרפן אַ ליילעך אונטער וועלכן זי האָט באַהאלטן אַ קליין קינד. זי האָט געזוכט אַ באַהעלטעניש. פּלוצים האָט איר באַמערקט אַ דייטש. ער האָט איר געהייסן אריינגיין אין אויסגעגראָבענעם גרוב און האָט איר דערשאָסן צוזאמען מיטן קינד. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל פון דערשיסן, פון וועלכן איך בין געווען אַ לעבעדיקער עדות.

איך קוק זיך אַרום צווישן די גריבער. יעדער קבר האלט אַרום 50x25x10 מעטער. איך האָב זיך אוועקגעשטעלט לעבן איין קבר, וואו איך האָב געוואָלט אַריינוואַרפן אַ מת. הינטער מיר האָט זיך באַוויזן פּלוצלונג אַ דייטש. ער האָט מיך געוואָלט דערשיסן. איך

האָב זיך אויסגעדרייט און געפרעגט מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינ־דיקט. ער האָט געענטפערט, אַז אומנויטיק האָב איך געוואָלט אַריינ־גיין אין גרוב. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז איך האָב באַדאַרפט אַריינוואַרפן אַ טויטן קערפּער.

נעבן כמעט יעדן פון אונדז איז געשטאַנען אַ דייטש מיט אַ נאַ־גייקע אָדער אַן אוקראַינער מיט אַ ביקס. זיי האָבן אונדז בעת דער אַרבעט געשלאָגן איבער די קעפּ. נישט ווייט פון אונדז איז געשטאַ־נען אַ מאַשין, וועלכע האָט אויסגעגראָבן די קברים. בעתן טראָגן, אָדער ריכטיקער געזאָגט שלעפּן די מתים, האָבן מיר געמוזט לויפן. פאַר דער קלענסטער אָפּווייכונג האָט מען געשלאָגן.

די טויטע קערפּערס זענען געלעגן גענוג לאַנג. זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדערצולייגן. דער ריח פון פוילעניש און נבלה האָט אָנגעפילט די לופט. ווערים האָבן געפרעסן די אומגליקלעכע קערפּערס. ווען מיר האָבן פאַרלייגט ארום די קערפּערס די רימענס, איז אָפט אַראָפּגעפאַלן אַ האַנט אָדער אַ פוס. אַזוי האָבן מיר געאַר־בעט איבער די אייגענע קברים ביז זון־אונטערגאַנג אָן עסן אָדער טרינקען. דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. דער דורשט האָט געפּייניקט. אין אָוונט, ווען מען קומט אין באַראַק, זוכט יעדער די באַקאַנטע פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג. אָבער — ליידער קען מען זיי נישט געפינען — זיי לעבן שוין נישט.

אין גרעסטן טייל זענען אומגעקומען די, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי סאָרטירן פעקלעך. אויסגעהונגערטע האָבן זיי טיילמאָל עפּעס אַרויסגענומען פון די פעקלעך. אַזאַ פאַרברעכער האָט מען געפירט צום גרוב און דאָרט האָט אַ קויל אין נאַקן אַ סוף געמאַכט צו זיין אָרעם לעבן.

דער פּלאַץ איז געווען פאַרזייט מיט פעקלעך, וואַליזעס, אָנצוגן, רוקזעק. מיט איין וואָרט מיט אַלץ, וואָס די קרבנות האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן איידער עס איז געקומען זייער שרעקלעכער טויט.

ביי דער אַרבעט האָב איך באַמערקט, אַז טייל אַרבעטער טראָגן אויף די הויזן רויטע אָדער געלע לאַטעס. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָס דאָס באַטייט. אין אונדזער באַראַק, וועלכער איז געווען אָפּגעצוימט מיט דראָטן, האָבן זיי פאַרנומען אַ טייל, וועלכער איז געווען אָפּגעצוימט מיט אַן אינערלעך ווענטל.

צווישן זיי זענען געווען 50 מענער און איין פרוי. ביי מיין דער־

מאנטער ארבעט און ביי די געשילדערטע באדינגונגען בין איך געווען 4 טעג.

פרייטיק, דוכט זיך, דעם 28טן אויגוסט, קומען מיר צוריק פון דער ארבעט. אלץ אזוי ווי שטענדיק. „אכטונג”, „די היטלער אַנטאָן און ארונטערנעמען”. און א רעדע פון פראנצן. ער האָט פון צווישן אונדז אויסגעקליבן א קאמענדאנט און עטלעכע קאפּאָ (גרופּןפירער), וועלכע האָבן באדארפט אונדז אונטערטרייבן ביי דער אַרבעט. פראנץ האָט אין זיין רעדע אונדז אָנגעזאָגט ערלעך צו אַרבעטן. דערפאר וועלן מיר באקומען לרוב אלץ דאָס נויטיקע. אויב נישט — דאן וועט מען זיך שוין מיט אונדז גרינטלעך אן עצה געבן. די קונסט פון דייטש, זאָגט ער, באשטייט אין דעם, וואָס ער קען באהערשן יעדע סיטואציע. זיי פירן דורך די דעפּאָרטאציע אויף אזא אופן, אז די יידן שטופּן זיך אליין אין די וואגאָנען, נישט ריכטנדיק זיך אויף דעם, וואס זיי דערוואַרט. דערצו האָט ער צוגעגעבן אַ געהעריקע צאָל עפּיטעטן.

דעם 29טן אויגוסט האָט מען געוועקט ווי אלעמאָל, אבער דאָס מאָל אויף פּויליש. מיר שטייען באלד אויף און גייען ארויס אויפן פּלאַץ. מיר דארפן זיך נישט אָנטאָן, ווייל מיר שלאָפן אין די מלבושים, דעריבער קענען מיר שנעל אויספירן דעם באפעל. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען. עס פאלט די קאָמאנדע אויף פּויליש. בכלל באציט מען זיך צו אונדז זייער העפלעך. פראנץ רעדט ווידער אמאָל צו אונדז. ער זאָגט, אז פון היינט אָן וועט יעדער אַרבעטן ביי זיין פאַך. מען האָט אָנגעהויבן אויסקלייבן פאַכלייט. די ערשטע זענען געווען די בוי־ארבעטער. איך האָב זיך אויך געמאָלדן ווי א בוי־מייסטער. מען האָט אונדז אָפּגעטיילט פון אַנדערע. צוזאמען זענען מיר געווען 15. מען האָט אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פון 3 אוקראינער. איינער, אַן עלטערער זעלנער קאָסטענקאָ, לויטן אויסזען נישט שרעקלעך. דער צווייטער — אנדרעיעוו, אַ פּשוטער „וואכמאן”, מיטלגעוויקסיק, א דיקער מיט א קיילעכיק רויט פּנים. דאָס איז געווען א גוטער, רואיקער מענטש. דער דריטער — מיקאדאַי — נידעריק, דאַר, אַ שלעכטער, מיט באַנדיטישע אויגן, אַ סאַדיסט. צו זיי האָט מען צוגעגעבן צוויי אוקראַינער מיט ביקסן, זיי זאָלן אונדז היטן. מען האָט אונדז ארייגעפירט אין וואלד און געהייסן פונאַנדערנעמען די פּארצוימונגען פון שטעכיקן דראָט, און אויסהאַקן די ביימער אין וואלד. קאסטענקאָ און אנדרעיעוו זענען געווען זייער מילד. זיי האָבן צווישן די פינגער געקוקט אויף אונ-

דזער אַרבעט. דאקעגן מיקאדאי האָט אונדז געטריבן צו דער אַרבעט מיט א בייטש און געבייזערט זיך. צווישן די אַלע אויסגעקליבענע זענען באמת נישט געווען קיין פאַכלייט, נאָר אזוי ווי זיי האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן ביי די מתים האָבן זיי זיך אָנגעגעבן אַלס סטאָליארעס. די דאָזיקע פלעגט מען אויסלאכן און מען האָט זיי נישט געזשאָלעוועט קיין שמיץ. 12 אַזייגער האָבן מיר איבערגעריסן די אַרבעט. מיר זענען צוריקגעקומען אין די באַראַקן אויף מיטאָג, וועלכער איז באשטאנען פון זופּ, קאשע און פארשימלטן ברויט. דאָס איז געווען א מיטאָג, וואס אין נאָרמאַלע באדינגונגען איז אים נישט מעגלעך צו עסן. אָבער מיר — אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַטערטע — האָבן אַלץ אויפגעגעסן. 1 אַזייגער זיינען נאָך אונדז געקומען די „וואַכלייט" צוזאמען מיט די אוקראינער. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביזן אָוונט. אין אָוונט — אזוי ווי שטענדיק — אהיים, די קאָמענדע אא"וו.

דעם טאָג זענען ווידער געווען א סך דייטשן ארום אונדז. מיר זענען געווען אין א צאָל פון 700. צווישן די דייטשן איז געווען פראנץ מיט זיין הונט. פלוצלונג פרעגט פראנץ מיט א שמייכל — ווער קען דייטש. אַן ערך 50 מענטשן האָבן זיך געמאָלדן. ער האָט זיי געהייסן ארויסטרעטן פון דער ריי און זיך גרופּירן באזונדער. ער האָט דאָס אַלץ געטאָן מיט א שמייכל אזוי, אז מען זאָל אים אין גאָרנישט חושד זיין. מען האָט זיי אוועקגעפירט און זיי זענען שוין קיין מאָל מער נישט צוריקגעקומען. אויף דער ליסטע פון די לעבעדיקע האָבן זיי שוין אויך נישט פיגורירט.

אין וואָס פאר א ענוים און פּיין זיי זענען אומגעקומען — וועט קיין פעדער נישט קענען באשרייבן.

ביי דער זעלבער ארבעט, אין די זעלבע באדינגונגען — זענען ווידער פארביי אייניקע טעג. מיט מיין קאָלעגע האָב איך געאַרבעט די גאנצע צייט צוזאמען. דער גורל האָט אונדז אויף א מאָדנעם אופן געשווינט. אפשר דערפאר, וואס מיר זענען געווען פאַכלייט, אָדער צוליב דעם, וואָס עס איז אונדז באַשערט געווען צוצוזען די אַלע יסורים און טויטע קערפּערס פון אונדזערע ברידער. אונדזערע „בעלי-בתים" האָבן געגעבן מיר און מיין קאָלעגע קאָסטנס אויף קאַלך. געהיטן האָט אונדז אנדרעיעוו. מיין קאָלעגע איז געווען א גוטער בעל-מלאכה, ער האָט זיך אויך צוגעהערט צו מיינע עצות. די אַרבעט איז געפעלן געוואָרן דעם „וואַכמאַן". ער האָט אונדז ארויסגע-

וויזן פריינדלעכקייט. ער האָט אונדז געבראַכט אפילו צו שטיקלעך ברויט. פאַר אונדז איז דאָס געווען זייער אַ גרויסע זאַך, ווייל מיר זענען פשוט געשטאָרבן פון הונגער. מענטשן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון אַן אנדער טויט, וועלכן איך וועל נאָך באַשרייבן, פלעגן געשוואָלן ווערן פון הונגער, געל ווערן און פאַלן. אונדזער גרופּע ביי דער אַרבעט איז גרעסער געוואָרן, עס זענען צוגעקומען נייע אַרבעטער. מען האָט אָנגעהויבן צו גראָבן אַ פונדאַמענט אונטער אַ בנין.

וואָס דאָס דאַרף זיין פאַר אַ געביידע — האָט קיינער נישט געוואוסט. אויפן הויף איז געשטאַנען איין הילצערנע געביידע, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. עס איז געווען פאַר אַלעמען אַ סוד, אויף וואָס זי איז באַשטימט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ דייטשער מייסטער מיט אַ געהילף און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט. עס האָבן אויסגעפעלט מויערער. אַ סך האָבן זיך געמאָלדן אַלס אַרבעטער, כּדי נישט צו דאַרפן אַרבעטן ביי די מתים — אָבער כמעט אַלע האָט מען דערהרגעט. איין מאָל האָב איך ביי דער מולעריי־אַרבעט באַמערקט אַ באַקאַנטן פון וואַרשע, ראַזאַנאָוויטש. ער איז געשטאַנען מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין אָוונט וועט מען אים דערשיסן. אַ געוויסער וואַרשעווער אינזשיניער עבערט מיט זיין זון האָבן אויך געאַרבעט. אָבער אין גיכן זיינען זיי אומגעבראַכט געוואָרן דורכן תליונס האַנט. דער גורל האָט מיר קיין שום פּיין נישט פאַרשפּאָרט. אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געוואָר געוואָרן — צו וואָס עס ווערט אויסגענוצט די געביידע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרקאַן. עס האָט מיך דורכגענומען אַ שוידערלעכער ציטער. איך און מיין קאָלעגע האָבן געהובלעוועט האָלץ און געמאַכט ווינקל־ברעטער. אין די באַדינגונגען איז אונדז געווען זייער שווער צו אַרבעטן. איך האָב שוין 25 יאָר נישט געאַרבעט אויף אַזאַ אופן. מיין קאָלעגע איז נישט געווען קיין טשעשלער, עס איז אים אַלץ שווער אָנגעקומען. ער איז לויט זיין פאַך געווען אַ סטאָליער און האָט נישט גוט באַהערשט די האַק. מיט מיין הילף האָט ער זיך אָבער אַן עצה געגעבן. איך בין לויט מיין פּראָפעסיע אַ טשעשלער. אין משך פון אַ ריי יאָרן בין איך געווען אַ מיטגליד פון דער עקזאַמיניר־קאָמיסיע אין דער האַנטווערקער־קאַמער. עס זענען פאַרביי 8 טעג פון שווערער וועגעטאַציע, פון אַ לעבן, וואָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן. אין משך פון דער צייט זענען קיין נייע טראַנספּאָרטן נישט אָנגעקומען. אויפן 8טן טאָג האָט מען געבראַכט אַ נייעם טראַנספּאָרט פון וואַרשע.

דער לאגער אין טרעבלינקע איז געווען געטיילט אין צוויי טיילן. אין לאגער נומער איינס איז געווען א באן־אפצווייג און א ראמפע אויף אויסלאדעווען די טראנספּארטן לעבעדיקע מענטשן. חוץ דעם איז געווען א גרויסער פלאץ, וואו מען האט אוועקגעלייגט דאס האב און גוטס פון די געקומענע. אממערסטן האבן מיט זיך געבראכט די אויסלענדישע יידן.

דארט האט זיך אויך געפונען א „לאזארעט" (שפיטאל), וואס האט געהאלטן 30x1x2 מעטער די לענג. דארט האבן געארבעט צוויי מענער. זיי האבן געטראגן ווייסע פארטעכער, אויף דעם ארעם — א רויטן קרייץ. זיי האבן געשפילט די ראל פון דאקטוירים. פון די טראנספארטן האבן זיי אויסגעקליבן אלטע און קראנקע, און זיי אוועקגעזעצט אויף א לאנגער באנק, מיטן פנים געווענדעט צום קבר. הינטער זיי זענען געשטאנען דייטשן און אוקראינער. די קרבנות האט מען געטויט דורך א שאס אין קארק. דער קערפער איז גלייך אריינגעפאלן אין גרוב. ווען עס האט זיך אנגעזאמלט א סך מתים, האט מען זיי צונויפגענומען און אונטערגעצונדן. זיי האבן געפלא־קערט אין א העלישן פייער.

נישט ווייט האבן זיך געפונען באראקן, וואו עס האבן געוואוינט דייטשן און אוקראינער, קאנצעלאריעס, באראקן פאר די יידן, וואס ארבעטן, פארשידענע ווארשטאטן, פערד־שטאלן, חזיר־שטאלן, שפייז־מאגאזינען און געווער־סקלאדן. אויפן הויף זענען געשטאנען אויטא־וואגנס.

לויטן אויסזען האט דער לאגער נישט פארגעשטעלט מיט זיך קיין שום שרעקלעכעס. מען האט געהאט דעם איינדרוק, אז מען געפינט זיך באמת אין אן ארבעטס־לאגער.

דער לאגער נומער 2 איז געווען גאר אן אנדערער. א באראק פאר ארבעטער פון 30x10 מעטער, א וועשעריי, א קליינע לאבארא־טאריע, א וואוין־ארט פאר 17 פרויען, א וואך־שטוב און א ברונעם. חוץ דעם 13 קאמערן אויף דערשטיקן מיט גאז די קרבנות. דאס וועל איך באזונדער גענוי באשרייבן. די געביידעס זיינען געווען אפגע־צוימט מיט שטעכיקן דראט. הינטער דער אפצוימונג א גראבן פון 3x3 מעטער. הינטערן גראבן א צווייטע אפצוימונג פון שטעכיקן דראט. ביידע אפצוימונגען זענען געווען 3 מעטער הויך. צווישן די פארקאנעס — פארצוימונגען פון שטאל־דראט. ארום זענען גע־

שטאַנען אויף דער וואַך אוקראַינער. דער גאַנצער לאַגער איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ פּאַרקאַן פון שטעכיקן דראָט פיר מעטער די הויך. דער פּאַרקאַן איז געווען באַצירט מיט גרינס. אויפן פּלאַץ זענען געווען 4 אָבסערוואַציע־טורעמס — 4 שטאָק די הויך — און 6 איינשטאָקיקע אָבסערוואַציע־טורעמס, 50 מעטער. הינטער דעם לעצטן פּאַרקאַן זענען געשטאַנען די אַנטי־טאַנק פּלאַטפאָרמעס.

ווען איך בין געקומען אין לאַגער זענען שוין דאָרט געווען 3 גאַז־קאַמערן. אין משך פון מיין צייט זענען צוגעקומען נאָך 10. די גרויס פון אַ קאַמער איז געווען 5x5, צוזאַמען 25 קוו. מעטער און 1.90 מעטער אין דער הויך. אָן עפענונג אויפן דאַך — מיט אַ הער־מעטישן שלאָס און אַן עפנונג פאַר די רערן, די טעראַקאָטענע פּאָד־לאָגע אָנגעבויגן צו דער ראַמפּע. דער געמויערטער בנין איז אָפּגע־טיילט פון לאַגער נומער 1 מיט אַ הילצערנער וואַנט. די צוויי ווענט — די געמויערטע און הילצערנע האָבן געשאַפן אַ קאָרידאָר, וואָס איז העכער פאַרן גאַנצן בנין אויף 80 צ״מ. די קאַמערן האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג מיטן קאָרידאָר. צו יעדער קאַמער האָט געפירט אַ באַ־זונדערע טיר, הערמעטיש פאַרמאַכט. די קאַמערן פון דער זייט לאַ־גער נומער 2 זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ ראַמפּע, 4 מעטער די ברייט לענג אויס פון די דריי קאַמערן. די הויך פון דער ראַמפּע אַן ערך 80 צ״מ. פון דער זעלבער זייט האָבן געפירט הילצערנע טירן הערמעטיש פאַרמאַכטע. די טירן פון יעדן קאַמער פון לאַגער נומער 2 (1.80x2.50) האָבן זיך געעפנט נאָר אויף דרויסן אַרויס, פון אונטן אַרויף, מיט דער הילף פון אייזערנע אונטערשפּאַרן. פאַרמאַכט האָט מען זיי מיט אייזערנע האַקנס, וואָס זענען געווען איינגעפעסטיקט אין די פוטרינעס און מיט הילצערנע פאַררוקערס.

דורך דער טיר־זייט פון קאָרידאָר האָט מען אַריינגעלאָזן די קרבנות. די טיר פון דער זייט פון לאַגער נומער 2 האָט געדינט אויף אַרויסציען די פאַרגאַזעוועטע קערפּערס. לענג אויס דער קאַמער האָט זיך געפונען די עלעקטראָווניע, כמעט פון דער זעלבער גרויס, ווי די קאַמערן, אָבער העכער איבער דער ראַמפּע. די עלעקטראָווניע האָט באַדינט מיט ליכט דעם ערשטן און צווייטן לאַגער. אין דער עלעק־טראָווניע איז געשטאַנען אַ מאָטאָר פון אַ סאָוויעטישן טאַנק, וואָס איז באַנוצט געוואָרן אויף אַריינלאָזן דעם גאַז אין די קאַמערן. דעם גאַז האָט מען אַריינגעלאָזן אויף אַזאַ אופן, וואָס מען האָט פאַראיי־ניקט דעם מאָטאָר מיט דער עפענונג פון די רערן. פון דער צאָל

אריינגעלאָזענעם גאַז איז געווען אָפּהענגיק די שנעלקייט פון טויט פון די קרבנות.

ביי די מאַשינען האָבן געארבעט 2 אוקראַינער. איוואַן, א הויכער מיט מילדע אויגן און דאָך א סאַדיסט. דאָס פייניקן די קרבנות האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן. אָפט איז ער באַפאַלן אונדז, די ארבעטער און מיט א טשוואַק צוגעשלאָגן אַן אויער צו דער וואַנט. אָדער ער האָט געהייסן זיך לייגן אויף דער פּאָדלאָגע און פלעגט אונדז ביטער שמייסן. דערביי האָט זיין פּנים אויסגעדריקט סאַדיסטישע הנאה. ער האָט געלאַכט און זיך געוויצלט. די קרבנות האָט ער אומגעבראַכט אָפּהענגיק פון זיין שטימונג. דער צווייטער אוקראַינער האָט געהייסן ניקאָלאַי, א נידעריקער מיט א בלאַס פּנים און פון דער זעלבער גייסטיקער סטרוקטור ווי איוואַן.

אין טאָג, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען, ווי מען פירט אוועק אין דער געביידע פון טויט קינדער, פרויען און מענער — בין איך כמעט אראָפּ פון זינען. איך האָב מיר געריסן די האָר פון קאָפּ און פאַרגאָסן ביטערע טרערן פון פאַרצווייפלונג. אַממערסטן האָב איך געליטן קוקנדיק אויף די קינדער לעבן די מאַמעס, אָדער אייינזאַמע, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג דערפון, אַז זייער קורץ לעבן וועט אין עטלעכע מינוטן ארום איבערגעריסן ווערן אין די גרעסטע יסורים. זייערע אויגעלעך זענען געווען צעפּלאָמט פון שרעק, נאָך מער פון פאַרוואונדערונג. אויף דעם מויל פון די קינדער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן די פראַגע: „וואָס איז דאָס, נאָך וואָס און פאַרוואָס?" זעענדיק די פאַרשטיינערטע פּנימער פון די עלטערע האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צו דעם מאָמענט. זיי שטייען אָן באַוועגונג און טוליען זיך איינס צום אַנדערן, אָדער צו די עלטערן און וואַרטן אָנגעשטרענגט אויף דעם שוידערלעכן סוף. פּלוצלונג עפנט זיך די איינגאַנג-טיר. איוואַן האַלט אין האַנט א דיקע גאַזרער, 1 מעטער די לענג, און מיקאָלאַי — א שווערד. לויט א געגעבענעם צייכן הויבט מען אָן אַריינלאָזן די קרבנות, און דערביי שלאָגט מען זיי אומברחמנותדיק.

דער געשריי פון די פרויען, דאָס געוויין פון די קינדער קלינגען מיר נאָך אין די אויערן ביים היינטיקן טאָג. א ווייטאָגדיקער און פאַרצווייפלטער געשריי. א געשריי, וואָס בעט רחמנות. אַ געשריי, וואָס רופט נאָך נקמה צו גאָט. די קרעכצן און געוויינען דערלויבן מיר נישט צו פאַרגעסן די אומגליקן, פון וועלכע איך בין געוועזן אַ לעבעדיקער עדות.

אין א קאמער, וואס האָט געהאט 25 קוואדראט מעטער, האָט מען אַריינגעלאָזן פון 450 ביז 500 מענטשן. עס איז געווען שרעקלעך ענג. איינער איז געשטאַנען צוגעקוועטשט צום צווייטן. מען האָט אַריינגעטראָגן קינדער אויף די הענט, רעכנענדיק, אז אויף אַזאַ אופן וועלן זיי אויסמיידן דעם טויט. אויפן וועג צום טויט האָט מען גע־שלאָגן און געשטויסן מיט די קאָלבעס און גאַז־רער. מען האָט אָנ־געריי‏צט אויף זיי די הינט. די הינט האָבן געבילט, געביסן און זיך געוואָרפן אויף די קרבנות. יעדערער, וועלנדיק אויסמיידן די קלעפּ און די הינט, ווארפט זיך מיט א געשריי אין די אָרעמס פון טויט און לויפט אריין אין גאז־קאמער. שטאַרקערע שטופּן אונטער די שוואַ־כערע. דער טומל דויערט נישט לאנג. די טיר פארמאַכט זיך מיט אַ טראסק. די קאמער איז אָנגעפילט. מען לאָזט אין גאנג דעם מאָ־טאָר, זיי פאראייניקן אים מיט די איינגאנג־רערן. העכסטנס אין 25 מינוט ארום ליגן אלע אויסגעלייגט. זיי ליגן אפילו נישט, ווייל עס איז נישטאָ וואו. זיי פאלן זיך פּשוט איינע די אנדערע אין די אָרעמס און בלייבן שטיין. זיי שרייען שוין נישט. זייער לעבן איז איבערגעריסן געוואָרן. זיי האָבן שוין נישט קיין שום וואונטשן און באַדערפענישן. מאמעס און קינדער צונויפגעדריקט אין טויט. זיי האָבן שוין נישט קיין פריינד און קיין שונאים. נישטאָ מער קיין קנאה. אלע זענען גלייך. נישטאָ מער קיין שיינע און מיאוסע. אַלע זענען געל־פאַרסמט. נישטאָ קיין אָרעמע און רייכע, אַלע זענען גלייך לגבי גאָט. פארוואָס? פרעג איך זיך אליין. עס איז מיר שווער, זייער שווער צו לעבן. אָבער איך מוז דאָך, כדי דער וועלט איבער־צוגעבן די נידערטרעכטיקייטן און די באַרבאַרישקייטן.

נאָכן פארענדיקן דאָס דערשטיקן מיט גאז האָבן איוואן און ני־קאָלאי אויסגעפאַרשט דעם צושטאַנד. נאָך דעם זענען זיי אריבער אויף דער אנדערער זייט, וואו עס געפינט זיך די טיר ביי דער ראמפּע, זי געעפנט און ארויסגעוואָרפן די מיט גאז־דערשטיקטע. אויף אונדז איז געפאלן די ארבעט פון טראָגן די קערפּערס צו די גרובן. מיר זענען געווען אויסגעמאַטערט, ווייל פון אין דער פרי האָבן מיר געאַרבעט ביי די געביידעס. עס איז אבער נישט געווען צו ווענען צו אַפּעלירן.

מיר האָבן געקענט זיך אנטקעגנשטעלן, באקומען שמיץ, און אומ־קומען מיטן זעלבן אָדער מיט אַ נאָך מער אכזריותדיקן טויט, אַזוי ווי אַנדערע. דעריבער טאקע טוען מיר אלץ אָן א מורמל צו טאָן. אי־בער אונדז שטייט דער „הויפּטמאַן” (איך ווייס נישט, ווי ער האָט גע־

הייסן) פון מיטלען וואוקס אין ברילן. ער שלאָגט און שרייט. איך האָב אויך באקומען קלעפּ. ער האָט מיך געשלאָגן אָן איבעררייס. איך האָב אויף אים אויפגעהויבן א פרעגנדיקן בליק, ער רייסט דאן איבער אויף אַ מינוט און זאָגט: „ווען דו וואָלסט נישט געווען דער צימערמאַן, וואָלסטו געטויט געוואָרן". איך קוק מיך אַרום. אַלע, וואָס האָבן געארבעט, האָבן געטיילט מיין גורל. אַ כאַפּטע הינט, דייטשן און אוקראַינער שלאָגן און בייסן. 25 פּראָצענט פאלן ביי דער אַרבעט. אָן אונטערצווזוכן ווארפן מיר זיי אריין אין די קברים. מיר זענען ביי דער ארבעט שוין א קלענערע גרופּע. איך האָב געהאט דאָס גליק, וואָס נאָכן אוועקגיין פון „הויפּטמאַן" האָט דער „אונטער־שאַרפירער" מיך באפרייט פון דער ארבעט.

מען האָט פארסמט מיט גאז טעגלעך פון 10 ביז 12 טויזנט מענטשן. מיר האָבן דורכגעפירט שמאָלע רעלסן און אויף א פּלאַט־פאָרמע האָבן מיר אריבערגעפירט די מענטשן צו די קברים. מען האָט נישט געקענט דעריאָגן, האָבן מיר מיט פּאַסקעס געצויגן אין צוויייען.

דעם אָוונט האָב איך איבערגעלעבט נאָך א שווערן מאָמענט. נאָך א שווערן ארבעטס־טאָג האָט מען אונדז נישט אַוועקגעפירט אין לאגער נומער 1, נאָר אין לאגער נומער 2. פון דאנען איז דער אויסבליק — גאָר אַן אַנדערער. איך וועל דאָס בילד קיין מאָל נישט פאַרגעסן. עס איז מיר פארגליווערט געוואָרן דאָס בלוט אין די אָדערן. פּאַרבייגייענדיק די ראַמפּע האָב איך געזען טויזנטער טויטע קערפּערס, זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויפן לאגער־הויף. דאָס זענען געווען די קערפּערס פון די פּרישע קרבנות. אוקראַינער און דייטשן האָבן הויך ארויסגעגעבן באַפעלן. זיי האָבן ווילד געשריען, שלאָגנ־דיק אוממענטשלעך מיט קאָלבעס און דרענגער די ארבעטער, וועלכע האָבן געהאט צעבלוטיקטע פּנימער, אונטערגעהאַקטע אויגן און די מלבושים צעפליקטע דורך הינט. לעבן זיי שטייען די אויפזעער, ביים ארייננגאנג אין לאַגער נומער 2 געפינט זיך אַן איין־שטאָקיקער אָבסערוואַציע־טורעם. אויפן טורעם האָבן געפירט לייטערס. ביי די לייטערס האָט מען געקאַטעוועט די קרבנות. מען האָט די פיס זייערע אַריינגעזעצט צווישן שטיגעלעך פון די לייטערס, דעם קאָפּ איינגע־בויגן אויף אַראָפּ, האָט דער אויפזעער געהאלטן אַזוי, אז דער קרבן זאָל זיך נישט קענען רירן. די רציחה האָט מען אויסגעלאָדן אויף די אומגליקלעכע און זיי כסדר ווילד געשמיסן. דאָס קלענסטע איז געווען 25 שמיץ.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאָס דערזען אין אָוונט. די לבנה און די רעפלעקטאָרן האָבן באַלויכטן די שרעקלעכע שחיטה פון האַלב-לעבעדיקע מענטשן. לעבן זיי זענען געלעגן מתים. דאָס קרעכצן פון די געפּייניקטע האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן סווישטשען פון די בייטשן, וועלכע זענען געפאַלן אויף זייערע רוקנס.

ווען איך בין געקומען אין לאַגער נומער 2 איז דאָרט געווען נאָר איין באַראַק. די פריטשעס זענען נאָך נישט געווען פאַרענדיקט, די פעלד-קיך איז געשטאַנען אויפן הויף. איך האָב דאָרט געטראָפן אַ סך באַקאַנטע פון וואַרשע, זיי האָבן זיך געענדערט נישט צום דער־קענען. שוואַרץ, געשוואָלן, צעשלאָגן. נישט לאַנג האָב איך זיך געפריינט מיט זייער אָנבליק. נייע פּנימער, נייע באַקאַנטע. כסדר — נייע און כסדר טויט. איך האָב זיך אויסגעלערנט צו קוקן אויף יעדן לעבעדיקן, ווי אויף אַ מת אין דער נאָנטסטער צוקונפט. מיטן בליק האָב איך אָפּגעשאַצט און געטראַכט וועגן זיין וואָג, ווער עס וועט אים צום קבר שלעפּן און וויפל שמיץ ער וועט דערביי באַקומען. דאָס איז שרעקלעך, אָבער אמת. צי וועט איר גלויבן, אַז אַ מענטש, וועל־כער לעבט אין אַזעלכע באַדינגונגען, קען נאָך אַמאָל אַ שמייכל טאָן, אַ שפּאַס טרייבן? צו אַלעמען קען מען זיך צוגעוואוינען.

דער דייטשער סיסטעם געהערט צו די אַממערסטן פאַלקאָמע. אַמטן און אונטער-אַמטן, אָפּטיילונגען און אונטעראָפּטיילונגען. און דאָס וויכטיקסטע — אומעטום דער ריכטיקער מאַן אויפן ריכטיקן אָרט. און ס׳איז נויטיק אַן אבסאָלוטע דעצידירטקייט און אַן ענטגיל־טיקע פאַרניכטונג פון די „שלעכטע און בונטאַרישע עלעמענטן", דאָרטן געפינען זיך שוין די גרויסע פּאַטריאָטן, וועלכע פירן אַלץ אויס. מאָדנע, ווי אויף די דאָזיקע פּאָסטנס געפינען זיך שטענדיק מענטשן, וועלכע זענען בכח אין אַ מבול פון רעפּרעסיעס צו פאַרניכטן און דערהרגענען אפילו נאָענטע. איך האָב קיין מאָל ביי זיי נישט באַמערקט קיין רחמנות אָדער חרטה. דער גורל פון די אומשולדיקע האָט זיי קיינמאָל נישט וויי געטאָן. דאָס זענען אויטאָמאַטן ביי וועלכע מען דאַרף נאָר אַ דריק טאָן אויפן קנעפּל און זיי לאָדעווען פון זיך ארויס אַלץ, וואָס זיי קענען. אַזעלכע היענעס קענען אַמבעסטן צעפירן די הענט בעת רעוואָלוציעס און מלחמות. דער וועג צו שלעכטס איז פאַר זיי לייכט און ליב. דאָך אַ שטאַרקע און גערעכטע אָרדענונג האַמעוועט די שלעכטע אינסטינקטן מיט דער הילף פון דערציאונג, גוטע ביישפּילן און פאַראָרדענונגען.

טונקעלע פאַרשוינען באַהאַלטן זיך אין נאָרעס און מלינהס און טוען דאָרט אָפּ זייער אונטערגראָבונג אַרבעט. היינט איז דאָס אָבער אַלץ איבעריק. וואָס ערגער, נידערטרעכטיקער דו ביסט, אַלץ אַ גרעסערן אָמט האָסטו. דיין פּאָזיציע איז אָפּהענגיק דערפון, וויפל דו האָסט פאַרניכטעט, דערהרגעט, דערדריקט. דיינע הענט, באַשמירט און באַשפּריצט מיטן בלוט פון שוצלאָזע, זענען אַ הייליקטום, פאַר וועלכן מען בוקט זיך.

וואָש זיי נישט, הויב זיי אויף הויך און העכער, און מען וועט דיר כבוד אָפּגעבן. וואָס ברודיקער עס זענען דיינע הענט און דיין געוויסן, אַלץ אַ העכערן טראָן פון לויב וועט מען דיר אויפשטעלן.

דער צווייטער איבעראַשנדיקער שטריך פון די דייטשן איז דאָס, וואָס זיי זענען פעאיק צווישן דעם פעבל ביי אַנדערע פעלקער צו געפינען געגוג דעמאָראַליזירטע טיפּן, וואָס העלפן זיי. אין יידישע לאַגערן זענען נויטיק אויך יידישע תלינים, שפּיאָנען, אונטערהעצער. און זיי האָבן אויך אַזעלכע געפונען. דאָס זענען גאַנגרעניזירטע נשמות, ווי משהקע פון הינטער סאַכאַטשעוו, איציק קאָבילע פון וואַרשע, אָדער קובא — אַ וואַרשעווער אַלפאָנס און גנב.

דער נייער בנין צווישן לאַגער נומער 1 און לאַגער נומער 2, ביי וועלכן איך האָב געאַרבעט, איז אין אַ שנעלן טעמפּ אויפגעבויט געוואָרן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען נייע 10 קאַמערן. די דאָזיקע קאַמערן זענען געווען גרעסערע, ווי די פריערדיקע: 7x7 — בערך 50 קוואַדראַט מעטער. נאָכן פאַרענדיקן דעם בנין האָבן זיי אַריינגעפּאַקט פון 1000 ביז 1200 מענטשן אין איין קאַמער. צווישן די קאַמערן איז געווען אַ קאָרידאָר. פון ביידע זייטן קאָרידאָר צו 5 קאַמערן. יעדער קאַמער האָט געהאַט צוויי טירן. איינע פון דער זייט פון קאָרידאָר, דורך וואַנען מען האָט אַריינגעלאָזט די קרבנות; די צווייטע איז געווען פון דער זייט פון לאַגער, פּונקט אַנטקעגן דער ערשטער טיר. דורך דער צווייטער טיר האָט מען אַרויסגעשלעפּט די מתים. פון דער זייט פון לאַגער נומער 1 האָט דער בנין אַזוי אויסגעקוקט: 5 ברייטע טרעפּ פון בעטאָן געמאַכט. אויף די טרעפּ זענען פון ביידע זייטן זאַרגפעליק אויסגעשטעלט קוישן מיט בלומען. אַ לאַנגער קאָרידאָר. אויפן שפּיץ פון דאַך פון דער זייט פון לאַגער אַ מגן־דוד. דער בנין האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלטפרענקישער טעמפּל. ווען דער בנין איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט דער „האויפטשטורם־פירער” געזאָגט צו זיינע אונטערטעניקע: „ענדלעך איז די יודנ־

שטאַט פערטיג". די אַרבעט ביי די דאָזיקע קאַמערן האָט געדויערט 5 וואָכן. פאַר אונדז האָט עס אויסגעזען צו זיין אַן אומענדלעכקייט. די אַרבעט איז געגאַנגען פון באַגינען ביז נאַכט אונטערן דרוק פון נאַהייקעס און קאָלבעס. איינער פון די „וואַכמענער", וואָראַנקאָוו, האָט אונדז געשלאָגן און געקאַטעוועט אָן רחמנות. יעדן טאָג האָט ער דערהרגעט עטלעכע אַרבעטער.

הגם אונדזערע פיזישע יסורים האָבן איבערגעשטיגן די באַגריפן פון נאָרמאַל-לעבנדיקע מענטשן, האָבן מיר אָבער ביי דער אַרבעט נאָך מער געליטן מאָראַליש. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן מיט מענטשן. מען האָט זיי געהייסן תיכף זיך אויסטאָן. נאָך דעם האָט מען זיי געפירט צו די דריי אַלטע קאַמערן צום פאַרגאַזעווען. דער וועג צו די קאַמערן האָט געפירט דורך אונדזער אַרבעטס-פעלד. נישט איינער האָט צווישן די קרבנות באַמערקט זיינע קינדער, ווייב אָדער פאַמיליע. אויב עמיצן האָט דער ווייטאָג אַ ריס געטאָן און ער איז צוגעלאָפן צו זיינע נאָנטע, האָט מען אים באַלד דערהרגעט אויפן אָרט. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן מיר געבויט די טויט-קאַמערן פאַר זיך און אונדזערע ברידער. דאָס האָט געדויערט 5 וואָכן. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט ביי די קאַמערן האָט מען מיך ווידער גענומען אין לאַגער נומער 1, וואו איך האָב איינגעאָרדנט אַ פריזיר-צימער. פאַרן טויט האָט מען די פרויען אָפּגעשניטן די האָר, וואָס מען האָט זאָרגפעליק צונויפגענומען. די האָר האָט מען פאַרנוצט צו עפּעס אַ צוועק, וועגן וועלכן איך ווייס נישט.

איך האָב ווייטער געוואוינט אין לאַגער נומער צוויי, פון וואַנען מען האָט מיך יעדן טאָג גענומען צו אַרבעטן אין ערשטן לאַגער, ווייל עס האָבן געפעלט בעלי-מלאכות. ס'איז געקומען דער „אונטערשאַרפירער" הערמאַן. ער איז אַלט געווען בערך 50 יאָר. אַ הויכער, אַ מענטשלעכער און אַ ליבלעכער. ער האָט אונדז פאַרשטאַנען און מיטגעפילט מיט אונדז. ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַריין אין לאַגער נומער 2 און געזען די קופּעס פאַרגאַזעוועטע, איז ער בלאַס געוואָרן און געקוקט אויף דעם מיט אַ דערשראָקענעם בליק פול מיטלייד. ער האָט מיך שנעל צוגענומען, כדי נישט צו האָבן דאָס בילד פאַר די אויגן. צו אונדז, אַרבעטער, האָט ער זיך באַצויגן זייער גוט. אָפט האָט ער בגנבה אַרויסגעטראָגן פון דער דייטשער קיך עפּעס צום עסן. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַזוי פיל גוטסקייט, אַז אַ מענטש וואָלט זיך געגרן פונאַנדערגעוויינט און פאַר אים זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר זיינע קאָלעגן; ער

האָט קיין מאָל מיט זיי נישט גערעדט, אבער יעדע טאָג און באַוועגונג האָט אָפּגעשפּיגלט זיין איידעלע נשמה.

ביי דער ארבעט אין לאגער נומער 1 האָב איך געזען אלץ: ווי מען פירט אונדזערע ברידער צום פארגאַזעווען און וואָס פאר אַ שרעקלעכע ענוים זיי האָבן אויסצושטיין פארן טויט. דאָס איז געווען דער פּעריאָד, ווען עס זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן. ווען דער צוג איז צוגעפאָרן, האָט מען די פרויען און קינדער תיכף געטריבן אין די באַראַקן אריין. די מאַנסלייט האָט מען איבערגעלאָזט אויפן הויף. די פרויען און קינדער האָט מען געהייסן זיך אויסטאָן. נאַיווע פרויען נעמען ארויס האַנטעכער און זייף. זיי רעדן זיך איין, אַז זיי וועלן זיך באָדן. די הענקער פארלאַנגען רו און אָרדענונג. זיי שלאָגן און קאָטעווען. קינדער וויינען. דערוואַקסענע קרעכצן און שרייען. עס העלפט גאָרנישט, די בייטש איז שטאַרקער. זי שוואַכט אָפּ איין טייל און מונטערט אויף אַ צווייטן טייל.

נאָכן איינשטעלן אלץ אין אָרדענונג, גייען די פרויען און מיידלעך אַריין אין פריזיר-צימער און לאָזן זיך אָפּשערן. איצט זענען זיי שוין כמעט זיכער, אַז זיי גייען אין באָד אריין. דורך אַ צווייטן ארייננגאַנג גייען זיי אין לאגער נומער 2, וואו אויף אַ שטאַרקן פראָסט בלייבן זיי שטיין נאַקעטע, ווארטנדיק אויף דער ריי, ווייל אין די קאַמערן איז נאָך נישט פארענדיקט געוואָרן דאָס פאַרגאַזעווען די פריערדיקע קרבנות.

דאָס אלץ איז געשען ווינטער. דער פראָסט איז געווען אַ ברענענדיקער. קליינע קינדער אין גאַנצן נאַקעט און באָרוועסע האָבן געמוזט שטיין אונטערן פרייען הימל. און זיי זיינען אזוי געשטאַנען שעהן. זיי האָבן געוואַרט אויף דער ריי. די קאַמערן זענען נאָך נישט געווען פריי. מחמת דעם פראָסט זענען צוגעפרוירן געוואָרן די קינדערשע פיסלעך צו דער פאַראייזטער ערד. זיי זענען געשטאַנען, געוויינט און געפרוירן געוואָרן. אין די רייען האָבן געשלאָגן דייטשן און אוקראַאינער.

אַ ווילדע און געמיינע בעסטיע איז געווען דער דייטש צעפּף. דער האָט אַממערסטן זיך איזדיעקעוועט איבער די קינדער. ווען ער האָט געשטופּט די פרויען און זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל נישט שטויסן, ווייל זיי האָבן מיט זיך קינדער, האָט ער ארויסגעריסן דאָס קינד פון דער מוטערס הענט: אָדער ער האָט דאָס קינד צעריסן אויף

דער העלפט, אָנכאַפּנדיק עם פאַר די פּיסלעך, אָדער ער האָט מיטן קעפּל אַ זעץ געטאָן אין וואַנט און עם אוועקגעוואָרפן אַ דערהרגעטס. דאָס זענען נישט געווען קיין איינצעלנע פאַלן; יעדער פּאָר טריט זענען פאָרגעקומען אַזעלכע טראַגישע סצענעס.

די מאַנסלייט זענען דורכגעגאַנגען הונדערט מאָל ערגערע ענוים, ווי די פרויען. זיי האָבן זיך אויסגעטאָן אויפן הויף. זיי האָבן גע־מוזט גלייך מאַכן זייערע מלבושים, אַוועקטראָגן אויפן פּלאַץ און אַוועקלייגן אויף אַ קופּע אַנדערע מלבושים. נאָך דעם זענען זיי אַריין אין באַראַק, וואו עם האָבן זיך אויסגעטאָן די פרויען, האָבן אַרוים־געטראָגן און אַוועקגעלייגט די קליידער פון די פרויען. ווען זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט, האָט מען אויסגעקליבן די געזונטע, שטאַרקע און גוט־געבויטע און עם האָבן זיך אָנגעהויבן די פּייניקונגען. מ׳האָט זיי געשלאָגן ביז בלוט. מען האָט זיי געשלאָגן אויף אַ באַזונדערס ראַ־פינירטן אופן.

אויסגעשטעלט אינאיינעם, פרויען, מאַנסלייט, זקנים און קינדער, הויבן זיי אָן צו גיין, נאָך דעם, ווי מען גיט אַ צייכן. זיי האָבן באַ־דאַרפט איבערגיין פון לאַגער נומער 1 צום לאַגער נומער 2 צו די קאַ־מערן. אויפן וועג איז געשטאַנען אַ בודקע. אינעווייניק איז דאָרט עמיצער געזעסן און געררופן, אַז מען זאָל אַוועקגעבן אַלע ווערט־זאַכן. מענטשן האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי וועלן נאָך לעבן, האָבן זיי זיך באַמיט צו באַהאַלטן, וואָס זיי האָבן געקענט. אָבער די הענ־קער האָבן אַלץ געפונען. אויב נישט ביים לעבן, איז נאָכן טויט.

יעדער, וועלכער איז צוגעגאַנגען צו דער בודקע, האָט געמוזט אויפהויבן די הענט אין דער הויך. און אַזוי איז די גאַנצע שנור גייער צום טויט געגאַנגען צו די קאַמערן, שווייגנדיק מיט אויפגעהויבענע הענט.

פאַרן בנין מיט די קאַמערן איז געשטאַנען אַ ייד, דער אַזוי גע־רופענער באַד־מייסטער, וועמען די דייטשן האָבן אויסגעקליבן. ער האָט געררופן אַלעמען אין באַד אַריין, ווייל דאָס וואַסער וועט קאַלט ווערן. איראָניע. מיט קלעפּ און געשרייען האָט מען זיי אַריינגע־טריבן אין די קאַמערן.

ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, איז אין די קאַמערן ענג. מענטשן ווערן דערשטיקט פון בלויזן געדראַנג. אין די נייע קאַמערן האָט אויך שלעכט געאַרבעט דער מאָטאָר. די אומגליקלעכע האָבן זיך גע־

מאַטערט גאַנצע שהען, נישט קאָנענדיק שטאַרבן. דער טייוול אַליין וואָלט נישט אויסגעטראַכט קיין מער שרעקלעכע ענוים. ווען מען האָט געעפנט די קאַמערן, זענען אָפט נאָך געווען אַ סך האַלב־לעבע־דיקע, וועלכע זענען פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ קאָלבע אָדער אַ קויל, אָדער אַ שטאַרקע בריקע מיטן פוס. אָפט האָט מען די קרבנות אַריינגעלאָזט אין די קאַמערן אויף אַ גאַנצע נאַכט און מען האָט נישט געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר. די ענגשאַפט און די שטיקעניש האָבן געטאָן זייערס, דערהרגענדיק אַ גרויסן פּראָצענט נאָך שרעק־לעכן פּיין. פיל זענען אָבער געבליבן לעבן, בעיקר זענען געווען ווי־דערשטאַנד־פעאיק די קינדער. נאָכן אַרויסוואַרפן זיי פון קאַמער האָבן זיי נאָך געלעבט. אַלע האָט אָבער דעמאָלט פאַרענדיקט דער רעוואָלווער פון דייטש. דאָס ערגסטע איז געווען דאָס שטיין נאַקעט אויפן ברענענדיקן פראָסט, וואַרטנדיק אויף דער ריי פון אכזריותדיקן טויט. נישט ווייניקער שרעקלעך זענען אבער געווען די קאַמערן.

מיט אמתער פריידן האָבן די הענקער באַגריסט די אויסלענדישע טראַנספּאָרטן: דאָרט האָט מען מסתמא רעאַגירט אויף די אַרויסשי־קונגען. כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד וועגן דעם, וואָס זיי טוען מיט די אומגליקלעכע, האָט מען זיי אַרויסגעפירט אין פּאַסאַזשיר־צוגן און דערלויבט מיטנעמען מיט זיך אַלץ פון נויטיקסטן געברויך. די דאָ־זיקע מענטשן זענען געקומען צופאָרן עלעגאַנט געקליידעט. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ סך שפּייז און מלבושים. אין צוג האָבן זיי געהאַט אַ באַדינונג און אַפילו אַ רעסטאָראַן־וואַגאָן. זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַ סך פּעטס, קאַווע, טיי א. ד. ג. און די נאַקעטע ווירקלעכקייט האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן פאַר זייערע אויגן. מ'האָט זיי אַרויסגע־צויגן פון די וואַגאָנעס און אַלץ איז פאַרגעקומען אויפן זעלבן אופן, ווי כ'האָב שוין באַשריבן. צומאָרגנס איז שוין נישט געווען פון זיי קיין שפּור. ס'זענען בלויז געבליבן פון זיי די מלבושים, שפּייז און די אַרבעט — די שווערע אַרבעט מקבר צו זיין די מתים.

די צאָל טראַנספּאָרטן האָט זיך פאַרגרעסערט מיט יעדן טאָג, ווייל עס האָבן שוין געדינט צום פאַרגאַזעווען 13 קאַמערן. טיילמאָל האָט מען פאַרגאַזעוועט טעגלעך ביז 30 טויזנט נפשות. צו אונדזערע אויערן זענען דערגאַנגען בלויז געשרייען, געוויינען און קרעכצן. די מענטשן, וואָס זענען געבליבן ביי דער אַרבעט און דערוויל ביים לעבן, האָבן אין די טעג פון אָנקומען פון די טראַנספּאָרטן נישט גע־געסן און כסדר געוויינט. שוואַכערע און מער עמפּינדלעכע האָבן

באַקומען אַ נערוון־דערשיטערונג און זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. על פּי רוב האָט דאָס געטאָן די אינטעליגענץ. ווען זיי האָבן זיך אומ־געקערט אין די באַראַקן נאָך דער אַרבעט ביי די מתים, אין די אויערן נאָך פול מיט געשרייען און קרעכצן פון די קרבנות — האָבן זיי זיך ביינאַכט אויפגעהאַנגען. אַזעלכע פאַלן זענען געווען טעגלעך וויי־ניקסטנס פון 15 ביז 20. זיי האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די פאַר־פאַלגונגען פון עלטסטן און פון די דייטשן און נישט געקאָנט פאַר־טראָגן די פּיין.

אין אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט פון וואַרשע. פון דאָזיקן טראַנספּאָרט האָט מען צוגעטיילט אַרבעטער צום לאַגער נומער 2. כ׳האָב דאָרט דערקענט אַ סך באַקאַנטע. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין אַנטשפּרעכנדיקער עלעמענט צו דער אַרבעט. אַ געוויסער כשר האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די פּיין פון די טאָרטורן. ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין הענקער, דעם דייטש מאַטיאַס, אָבערשאַרפירער פון לאַגער נומער 2. דאָס איז געווען אַ הענקער, אַ רוצח. כשר האָט אים פאַרוואונדעט. ס׳איז גע־קומען דער „האַופּטשטורמפירער", האָט באַפרייט די בעלי־מלאכות און אַלע אַנדערע האָט מען אויף דעם אַכזריותדיקסטן אופן מיט טעמפּ געצייג דערמאָרדעט אויפן אָרט.

כ׳בין געווען פאַרנומען אין וואַלד ביים באַאַרבעטן האָלץ. דער וואַלד האָט זיך געפונען צווישן ערשטן און צווייטן לאַגער. דורך דאָרטן זענען אַדורכגעגאַנגען די טראַנספּאָרטן נאַקעטע קינדער, פרויען, זקנים און מאַנסלייט. אַ שטומער טויטן־צוג. מ׳האָט בלויז געהערט די געשרייען פון די רוצחים. די אומגליקלעכע האָבן גע־שוויגן. בלויז פון צייט צו צייט האָט עפּעס אַ קינד זיך פונאַנדער־געוויינט. ס׳האָט אַ וויין געטאָן און אַנטשוויגן געוואָרן. די פינגער פונעם רוצח האָבן אַרומגענומען דאָס דאַרע העלדזל פון קינד און דערשטיקט אין אים דעם לעצטן זיפץ. אַלע זענען געגאַנגען נאַקעטע און שוצלאָזע מיט אויפגעהויבענע הענט.

צווישן ערשטן און צווייטן לאַגער זענען געווען בנינים פאַר די אוקראַינער. די לעצטע זענען שטענדיק געווען שכור. וואָס עס האָט זיך נאָך געלאָזט, האָבן זיי אַרויסגעגנבעט פון לאַגער און פאַרקויפט פאַר בראָנפן. די דייטשן האָבן זיי געהיטן און אָפט ביי זיי צוגע־נומען די גנבה. זאַטע און שכורע האָבן די אוקראַינער געזוכט נאָך אַנדערע אויפהייטערונגען. ווען זייערע בנינים זענען פאַרביי געגאַנ־

גען טראַנספּאָרטן נאַקעטע פרויען, האָבן זיי צווישן די יידישע מייד־לעך אויסגעקליבן די שענסטע, זיי אַריינגעשלעפּט אין די צימערן און זיי פאַרגוואַלטיקט אויפן בעסטיאַלישסטן אופן. שפּעטער האָבן זיי זייערע קרבנות אָפּגעפירט אין טויט־קאַמער. די געשענדעטע דורך זייערע הענקער שטיקן זיך גלייך מיט אנדערע אין די ענגע קאַמערן. אַ מאַרטירער־טויט. עס איז טיילמאָל געווען אַ רעאַקציע. איך וועל באַשרייבן איינעם פון אַזעלכע פאַלן. אָט איז איינע פון די מיידלעך אַרויס פון דער ריי. אַ נאַקעטע איז זי איבערגעשפּרונגען איבערן פּלויט פון שטעכעדיקע דראָטן 3 מעטער די הויך, און האָט אָנגע־הויבן אַנטלויפן אין אונדזער ריכטונג. די אוקראַינער האָבן דאָס באַ־מערקט און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ יאַגד אויף איר. דער ערשטער האָט זיך געלאָזט אין געיעג, אָבער ווייל ער איז געווען צו נאָנט, האָט ער נישט געקאָנט שיסן. זי האָט אים אַרויסגעריסן די ביקס.

ס׳איז זיי בכלל געווען שווער צו שיסן, ווייל אַרום זענען געשטאַ־נען די „וואַכן״ און ס׳איז לייכט געווען צו טרעפן עמיצן פון זיי. דאָך האָט דאָס בלוט זיך ביי זיי צעשפּילט. ס׳איז געפאַלן אַ שאָס, וואָס האָט דערהרגעט אַן אוקראַינער, און זי האָט אַ פאַרביסענע זיך געריסן מיט די אַנדערע אוקראַינער. ס׳איז געפאַלן אַ צווייטער שאָס און אַ צווייטער אוקראַינער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. מען האָט אים דערנאָך אַראָפּגענומען אַ האַנט (נאָכן אויסהיילן איז ער געבליבן אין אונדזער לאַגער און איז דאָרט געווען ביז דער לעצטער רגע). לסוף האָט מען זי געכאַפּט. זי האָט דערפאַר טייער באַצאָלט. מען האָט זי געשלאָגן, געמאַכט איר בלויע צייכנס, באַשפּיגן, געקאָפּעט, דערנאָך ערשט האָט מען זי דערהרגעט.

זי איז אונדזערע אַ נאָמענלאָזע העלדין.

ס׳איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון דייטשלאַנד. אַלץ איז פאָר־געקומען אויף אַ שאַבלאָנעם אופן. ביים אויסטאָן זיך טרעט אַרויס אַ פרוי מיט צוויי קינדער, יינגלעך. זי לעגיטימירט זיך, אַז זי איז אַ געבוירענע דייטשקע און בלויז על פּי טעות איז זי אַריינגעפאַלן אין וואַגאָן. אַלע דאָקומענטן זענען אין אָרדענונג, די צוויי יינגלעך זע־נען נישט געמלט. די פרוי איז אַ שיינע, אָבער אַ פּחד קוקט פון אירע אויגן. זי האַלט די קינדער ביי זיך, באַרואיקט, טרייסט און פאַרזיכערט זיי, אַז אַלץ וועט זיך באַלד אויפקלערן און זיי וועלן זיך אומקערן צום טאַטן אַהיים. זי צערטלט און קושט זיי, אָבער אַליין וויינט זי. אַ פאַרגעפיל, אַ שרעקלעך פאָרגעפיל. די דייטשן הייסן

איר מיט די קינדער ארויסטרעטן פון דער ריי. עס דוכט זיך איר, אַז זי איז געראַטעוועט. עס קומט ביי איר פאַר אַן אנטשפּאַנונג. אָבער, אוי א שרעק, מ'האָט גוזר געווען, אַז זי מוז אומקומען צוזאַמען מיט די יידן, ווייל זי האָט צופיל געזען און קען דאָס פאַרשפּרייטן אויף דער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ ווערט געהאַלטן בסוד. ווער ס'איז אריבער די שוועל פון טרעבלינקע, דער איז פאַרמשפּט אויף אומקום. און אויך די דאָזיקע פרוי מיט אירע קינדער שפּרייזט צוזאַמען מיט אַלע צום טויט. אירע קינדער ווייגען פונקט אַזוי ווי די יידישע. פון אירע אויגן קוקט ארויס די זעלבע פאַרצווייפלונג. ס'איז נישטאָ קיין ראַסן-אונטערשייד. לגבי דעם טויט זענען אַלע גלייך. איר מאַן וועט מסתמא אומקומען אויפן פראָנט, זי איז אומ-געקומען אין לאַגער.

זייענדיק אין לאַגער נומער 1, האָב איך זיך דערוואוסט ווער עס זענען די יידן, וועלכע טראָגן געלע לאַטעס. דאָס זענען געווען מענטשן פון פאַרשיידענע פרייע פּראָפעסיעס און בעלי-מלאכות, וועל-כע זענען געבליבן פון די ערשטע טראַנספּאָרטן און האָבן אויסגעבויט טרעבלינקע. ווען אַלץ וועט זיך ענדיקן, האָבן זיי געהאָפט אַפשר וועלן זיי ארויספליען אויף דער פריי. דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש. קודם איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ווער עס וועט נאָר אַי-בערטרעטן די שוועל פון דאָזיקן גהינום, מוז אומקומען. מען טאָר נישט איבערלאָזן קיין עדות, וועלכע וואָלטן דער וועלט געקאָנט ווייזן דאָס אָרט פון די באַרבאַרישע טאָרטורן. צווייטנס האָט איין פּאַסי-רונג אוועקגענומען פון איבער זייערע קעפּ דעם חסד און האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון טויט. צווישן זיי זענען געווען גאָלדשמידן, וועלכע האָבן סאָרטירט איידעלע מעטאַלן. צו סאָרטירן איז געווען אַן א שיעור, פולע קאַסטנס. צום סאָרטירן און אויסלייגן איז געווען באַשטימט א באַזונדערער באַראַק. קיין ספּעציעלע וואַך איז נישט געווען. זיי האָבן זיך דערוואָרבן צוטרוי. וואוהין וועלן זיי ארויסטראָגן? אויב אפילו זיי זאָלן עפּעס צונעמען פאַר זיך, וועט עס דאָך מיט דער צייט סיי ווי פאַרבלייבן ביי די דייטשן. די אוקראַינער דאָקעגן זענען משוגע געוואָרן, דערזעענדיק גאָלד. זיי קענען זיך לחלוטין נישט דערויף. ס'איז גענוג צו געבן זיי עפּעס אַ בלישטשענדיקע זאַך און פאַרזיכערן, אַז דאָס איז גאָלד.

בעת די דעפּאָרטאַציעס קומען זיי אין יעדן הויז און פאָדערן איידעלע מעטאַלן. זיי טוען דאָס אַן דעם וויסן פון די דייטשן. נאַטיר-


WARSZAWA →
17.p.o.
20.p.o.
Objaśnienia:
Tor kolejowy
Zwwoplot przeplatany drutem kolczastym.
Plot z drutu kolczastego
Parkan z desek
las
Groby
Xp.o. - punkt obserwacyjny.


TREBLINKA.
Szkic orjentacyjny.
BIALYSTOK

לעד, אז אָן טעראָר גייט עס נישט. דעמאָלט רוקט מען זיי אונטער, וואָס עס לאָזט זיך און זיי נעמען אלץ. די פנימער ווערן ביי זיי גיריק און ווילד, אז עס נעמט אָן א שרעק און עקל צו קוקן. גאָלד באַהאַלטן זיי זאָרגפעליק. זיי ווילן זיך באַרימען פאַר זייערע פאַמיליעס, אז זיי האָבן געברענגט קריגס-רויב. מאַנכע פון זיי שטאַמען פון די אָרומיקע דערפער, אַנדערע ווידער האָבן אין שכנות מוידן, וועמען זיי ברענגען מתנות. אַ טייל פון די אוצרות פאַרטרינקען זיי אָבער אויף בראָנפן. זיי זענען שרעקלעכע שכורים. ווען זיי האָבן באַמערקט, אז יידן אַרבעטן ביים גאָלד כמעט אָן קאָנטראָל, האָבן זיי אָנגעהויבן צו צווינגען די יידן צו גנבה.

יידן האָבן געמוזט גנבהנען בריליאַנטן, גאָלד און זיי אַוועקגעבן. אויב זיי וואָלטן דאָס ניט געטאָן, וואָלטן די אוקראַינער זיי דערהרגעט. טאָג-טעגלעך האָט א באַנדע אוקראַינער אַרויסגעטראָגן זאַכן פון ווערט-אוצר. אַ דייטש האָט דאָס באַמערקט און נאַטירלעך, אז די שטראָף האָבן באַקומען די יידן. מ'האָט זיי רעווידירט און געפונען גאָלד און אַנדערע חפצים (ווערט-זאַכן). זיי האָבן נישט געקאָנט דערקלערן אז זיי טוען עס אונטערן דרוק, איבעריקנס וואָלט עס סיי ווי ווייניק געהאָלפן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן טאָרטורן. דער גאָלדענער חלום פון פויגל אין שטייג וועגן פרייהייט איז אַוועקגעפלויגן. ס'איז זיי איצט געווען ערגער, ווי אַנדערע אַרבעטער. נאָך דעם פאַל איז געבליבן א העלפט. פריער זענען זיי געווען 150.

די לעבן-געבליבענע האָבן געליטן הונגער און נויט. דאָס פייניקן זיי האָט אויך נישט געהערט צום געוויינלעכן.

דער גאַנצער פלאַץ איז געווען באַלייגט מיט קופעס פאַרשידענע זאַכן. פאַרשטייט זיך, אז מיליאָנען מענטשן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך מיליאָנען פאַרשידענע מלבושים, וועש א. ד. ג. יעדער האָט געגלויבט, אז ער גייט ווערן נע ונד, אָבער נישט צום טויט, דעריבער האָט מען מיטגענומען מיט זיך דאָס בעסטע, דאָס נויטיקסטע. ס'זענען געלעגן אַסך רוקזעק, וואַליזעס און זעק. די בעסטע שפייז. אַלץ, וואָס מ'האָט זיך געקענט ווינטשן, האָט מען געפונען אויפן פלאַץ אין טרעבלינקע. אַלץ אין א גרויסן סכום. פאַרבייגייענדיק, האָב איך באַמערקט א פולע קופע אייביקע פעדערס, עכטע קאַווע, טיי אא"וו. מיט צוקערלעך איז געווען פאַרזייט דער לאַגער-הויף. די אויסלענדישע טראַנספאָרטן האָבן געברענגט אַסך פעטס. די דאָזיקע מענטשן האָבן הייליק געגלויבט, אַז זיי וועלן ווייטער לעבן.

ביים סאָרטירן האָבן געאַרבעט יידן. אַלץ האָבן זיי אויסגע־לייגט. יעדער זאַך האָט געהאַט איר באַשטימונג. יעדע זאַך פון אַ ייד האָט זיך געהאַט איר ווערט און איר אָרט, בלויז דער ייד אַליין — נישט. די יידן האָבן געמוזט גנבענען, כדי אַלץ אוועקגעבן די אוקראַינער. אויב אַ ייד האָט עס נישט געטאָן, האָבן די אוקראַינער שוין געפונען אַ תירוץ אַ סוף צו מאַכן פון אים. אויב אָבער מען האָט געכאַפּט ביי אַ גנבה, האָט מען דערהרגעט אויפן אָרט. דער האַנדל איז ווייטער אָנגעגאַנגען. איינער האָט איבערגעריסן און אַ צווייטער האָט אָנגעהויבן. און אַזוי האָבן געלעבט די אויסדערוויילטע מזלדיקע. יחידים פון מיליאָנען — צווישן האַמער און קאָוואַדלע.

איין מאָל איז געקומען אַ טראַנספּאָרט ציגיינער פון הינטער וואַרשע. זיי זענען געווען 70. נעבעכדיקע און אָרימע. מענער, פרויען און קינדער. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַביסל ברודיקע וועש, געמיינע שמאַטעס און זיך אַליין. ווען זיי זענען אַריין אויפן פּלאַץ, האָבן זיי זיך זייער דערפרייט. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי גע־פינען זיך ערגעץ אין אַ פּאַרכּשופטן פּאַלאַץ. נישט ווייניקער האָבן זיך אָבער דערפרייט זייערע הענקער. זיי האָבן די ציגיינער פּאַרטיק געמאַכט אַזוי ווי די יידן. נאָך אַ פּאָר שעה איז געוואָרן שטיל. עס זענען געבליבן בלויז מתים.

איך האָב געאַרבעט אין לאַגער נומער 1. איך האָב זיך דעמאָלט פריי באַוועגט. הגם איך האָב דאָ אַסך געזען, דאָך איז דאָס בילד פון די פּאַרגאַזעוועטע אין לאַגער נומער 2 געווען אַסך שרעקלעכער. איך האָב שוין געזאָלט בלייבן אין לאַגער נומער 1 כסדר. ס'האָבן זיך וועגן דעם באַמיט דער בוי־מייסטער הערמאַן און אַ טשעכישער סטאָלער־מייסטער. זיי האָבן באַמערקט, אַז זיי האָבן נישט קיין בעלי־מלאכות, וואָס זאָלן זיך קענען מיט מיר גלייכן. בין איך דער־ווייל געווען גויטיק פאַר זיי. אָבער אין מיטן דעצעמבער 1942 איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז אַלע פון לאַגער נומער 2 זאָלן זיך צושטעלן. דאָס איז געווען אַ באַפעל אָן שום אַפּעלאַציע. נישט עסנדיק אפילו קיין מיטאָג, זענען מיר תיכף אַוועק אין לאַגער נומער 2.

ביים סאַמע אַריינגאַנג — אַ בילד פון פריש פּאַרגאַזעוועטע, ווע־מען דענטיסטן מיט צוואַנגלעך אין די הענט נעמען אַרויס די קינסט־לעכע ציין. בלויז אַ רגע אַ קוק טאָן אויף דעם בילד איז גענוג גע־ווען, אַז איך זאָל נאָך מער פאַרלירן דעם חשק צום לעבן. די דאָזיקע ציין סאָרטירן די דענטיסטן לויטן ווערט און לייגן זיי אויס. נאַטיר־

לעד, אַז וואָס די אוקראַינער האָבן באַוויזן צוצוגנבהנען, איז געבליבן ביי זיי.

אין לאַגער נומער 2 האָב איך געאַרבעט אַ געוויסע צייט ביים רעמאָנטירן די קיך. דער קאָמענדאַנט פון דער קיך האָט איינגעפירט אַ נייע אָרדענונג. אין יענער צייט זענען טראַנספּאָרטן געווען ווייניקער און קיין נייע כוחות צו דער אַרבעט זענען נישט צוגעקומען. דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן די אַרבעטער פון ערשטן לאַגער נומערן. דאָס איז געווען אַ דריי־עק פון לעדער. יעדע גרופּע האָט געהאַט פון אַן אַנדערן קאָליר. די נומערן האָט מען געטראָגן אויף דער לינקער ברוסט. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אין לאַגער נומער צוויי וועלן אויך זיין נומערן. דערווייל איז נישט געווען. יעדנפאַלס איז געוואָרן איינגעשטעלט אַן אָרדענונג. קיין פרעמדער פון אַ טראַנספּאָרט האָט זיך נישט געקאָנט אַריינגנבהנען, כדי צו פאַרלענגערן זיין לעבן, אַזוי ווי איך האָב עס געטאָן. עס איז אונדז שוין געווען זייער קאַלט. מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן קאָלדרעס. אין דער צייט, ווען איך בין נישט געווען אין לאַגער נומער 2, האָט מען אויפגעשטעלט אַ סטאָלעריי. דער סטאָלערישער „פאָראַרבעטער" איז געווען אַ וואַרשעווער בעקער. ער האָט געזאָלט מאַכן טראָג־ברעטער צום איבערטראָגן מתים פון די קאַמערן צו די קברים. דאָס איז געווען אַ זייער איינפאַך מיטל. צוויי דרענגלעך און ברעטלעך צווישן זיי, צוגעשלאָגן מיט טשוועקעס.

דער „האויפטשטורמפירער" אוןביידע קאָמענדאַנטן האָבן מיר באַפוילן אויפצובויען אַ וועשעריי, אַ לאַבאָראַטאָריע און אַן איינריכטונג פאַר 15 פרויען. די בנינים האָבן געדאַרפט געבויט ווערן פון אַלטן מאַטעריאַל. אין דער אומגעגנט האָט מען צענומען אַלטע יידישע בנינים. איך האָב דאָס דערקענט נאָך די נומערן פון די הייזער. איך האָב זיך צוגעקליבן אַרבעטער און אָנגעהויבן אַרבעטן. אַ טייל פון נישט באַאַרבעטן האָלץ האָב איך געבראַנגט פון וואַלד. די צייט פון אַרבעט איז שנעל דורכגעלאָפן. אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק. אַלץ האָט מיר אָנגעהויבן אויסצוזען צו זיין געוויינלעך. איך בין געוואָרן גלייכגילטיק.

נייע זאַכן האָבן אָבער אָנגעהויבן אַרויסצופירן פון גלייכגעוויכט. דאָס איז געווען דער פעריאָד, ווען קאַטין איז געוואָרן די טעמע פאַר די דייטשן. עס האָט זיי געדינט פאַר פּראָפּאַגאַנדע. איין מאָל דורך אַ צופאַל איז צו אונדז אַריינגעפאַלן אַ צייטונג און מיר

האָבן זיך דערוואוסט וועגן די אכזריותדיקייטן. אין דער זעלבער
צייט, וואַרשיינלעך אונטער דער ווירקונג פון די זעלבע געשעענישן,
איז הימלער געקומען קיין טרעבלינקע און אַרויסגעגעבן אַ פאַראָר-
דענונג, אַז מ׳זאָל פאַרברענען אַלע טויטע קערפּערס פון די דערמאָר-
דעטע. און ס׳איז געווען וואָס צו ברענען. מען וואָלט די דאָזיקע
באַרבאַריי קיין אַנדערע נישט געקאָנט צושרייבן, ווייל בלויז די
דייטשן זענען דערוויל די הערשער פון דער ערד, וואָס זיי האָבן
אונדז מיט גוואַלט אַרויסגעריסן. זיי האָבן נישט געוואָלט איבער-
לאָזן קיין שפּורן. אַלנפאַלס האָט מען געדאַרפט געפינען אַן אופן
צו פאַרניכטן אַלץ אָן שפור. מ׳האָט דעריבער אָנגעהויבן צו ברענען.
און ס׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס אויסגראָבן און אַרויסטראָגן
פון די קברים זקנים, קינדער, פרויען און מענער. ווען מ׳האָט גע-
עפנט אַזאַ קבר איז אַרויס אַ שרעקלעכער ריח, די קערפּערס זענען
געווען פולשטענדיק צעפאַלן. ביי דער אַרבעט האָבן די מענטשן
ווייטער געליטן מאָראַליש און פיזיש. און צו אונדז, לעבעדיקע, איז
ווידער געקומען דער אייגענער, נאָך מער פאַרשטאַרקטער טרויער.
מיר האָבן זיך דערנערט זייער שלעכט. טראַנספּאָרטן האָבן אויפ-
געהערט אָנקומען. עס זענען נישט געווען מער די אומגליקלעכע
צושטעלער. פון די אַלטע זאַפּאַסן האָט מען נישט גערן אַרויסגע-
נומען. מיר האָבן געגעסן פאַרשימלט ברויט און פאַרטרונקען מיט
וואַסער. פון הונגער איז מען געוואָרן קראַנק אויף טיפוס. דער
קראַנקער האָט נישט געדאַרפט קיין היילונג און קיין בעט. אַ קויל
אין קאַרק. דאָס לעבן איז פאַרענדיקט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פרואוו צו פאַרברענען די מתים,
וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז
פרויען ברענען בעסער, ווי די מאַנסלייט. מ׳האָט דעריבער גענומען
פרויען-קערפּערס אויף איינהייצן. אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ שווערע
אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ צווישן די גרופּן — וועל-
כע וועט מער פאַרברענען. מ׳האָט געמאַכט טאָוולען און יעדן טאָג
פאַרשריבן די צאָל פאַרברענטע. נישט געקוקט דערויף זענען די
רעזולטאַטן געווען זייער שוואַכע. מ׳האָט די מתים באַגאָסן מיט
בענזין און אַזויערנאָך געברענט. דאָס האָט געקאָסט צו טייער און
דער רעזולטאַט איז געווען אַ נישטיקער. די מאַנסלייט האָבן כמעט
אין גאַנצן נישט געוואָלט ברענען. ווען מען האָט אין דער לופטן
באַמערקט אַן אַעראָפּלאַן, האָט די אַרבעט אויפגעהערט. די אַרויס-
געצויגענע מתים האָט מען צוגעדעקט מיט בוימלעך, אַז מען זאָל

פון עראָפּלאַן נישט באַמערקן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. דאָס שרעקלעכסטע, וואָס דאָס מענטשלעכע אויג האָט ווען נישט איז געזען. ווען מען האָט געברענט שוואַנגערע פרויען, האָט דער בויך ביי זיי געפּלאַצט און דאָס קינד איז אַרויס פון דרויסן און אַזוי אויפן שוים פון דער מוטער פאַרברענט געוואָרן.

אויף די רוצחים האָט דאָס נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק. זיי זענען דערביי געשטאַנען, ווי ביי עפּעס אַ מאַשין, וואָס פונקציאָנירט שלעכט און גיט צו ווייניק אַרויס. ביז איין מאָל איז געקומען אין לאַגער אַן „איבערשאַרפירער" מיט אַ צייכן פון ס. ס. און אָנגעמאַכט אַן אמתן גהינום. דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר 45, פון מיטלען וואוקס, שטענדיק אַ שמייכלענדיקער. זיין באַליבט ווערטל איז געווען: „טאַדעללאָז". דעריבער האָט ער באַקומען אַ צונאָמען — „טאַדעללאָז". דאָס פּנים זיינס, וואָס איז געווען גענוג מילד, האָט נישט אויסגעדריקט דאָס, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין זיין פּאָדלער נשמה. ווען ער האָט געקוקט אויף די ברענענדיקע מתים, האָט ער געהאַט דערפון אַן אמתע הנאה. דער דאָזיקער פּלאַס איז געווען פאַר: אים די טייערסטע דערשיינונג. ער האָט דעם פּלאַס געלאַשטשעט מיט זיין בליק, איז געלעגן ביי אים, האָט געשמייכלט און גערעדט צו אים.

און דאָס גהינום־פייער האָט ער צעפלאַקערט אויף אַזאַ אופן: ער האָט באַנוצט צו דעם אַ מאַשין, וואָס גראָבט אויס מתים, אַן אַזוי גערופענעם „באַגער", און מ'האָט מיטאַמאָל אַרויסגעצויגן 3 טויזנט מתים. — אויף די בעטאָן־פילאַרן פון 100 — 150 מעטער די לענג האָט מען אויסגעלייגט אַ רושט פון באַן־שינעס. די אַרבעטער האָבן אויף די שינעס אַוועקגעלייגט גאַנצע קופּעס מתים און זיי אונטערגעצונדן. איך בין נישט קיין יונגער מענטש. אין מיין לעבן האָב איך אַסך געזען, אָבער אַ גרעסערן גהינום איז אפילו לוציפער אליין נישט בכח צו שאַפן. צי קען זיך עמיצער פאָרשטעלן אַ רושט פון אַזאַ לענג מיט 3 טויזנט קערפּערס פון מענטשן, וועלכע האָבן אָקאָרשט נאָך געלעבט? איר זעט זייערע פּנימער און ס'דוכט זיך, אַז אָט אָט וועלן זיך די קערפּערס אַ ריס טאָן און זיך אויפוועקן פון טיפן שלאָף. און דאָ, לויט אַ באַפעל — צינדט מען אָן דעם פאַקל און עס ברענט דער פּלאַס־פייער. אויב דו שטייסט נאָענט, דוכט זיך דיר, אַז קרעכצן רייסן זיך אַרויס פון מויל פון די איינגעשלאָפענע, אַז קינדער וועלן זיך באַלד אַ הויב טאָן און וועלן אַ רוף טאָן: „מאַמע!". אַ שרעק

און אַ ווייטאָג כאַפּט אַרום. און דאָך שטייסטו און שווייגסט. ביים אַש שטייען באַנדיטן און לאַכן מיט אַ טייוולש געלעכטער. אויף זייערע פּנימער שיינט אַ באמת טייוולשע צופרידנקייט. לכבוד דעם טרינקען זיי בראָנפן און די בעסטע ליקערן, פאַרבייסנדיק מיט נאַשערייען. זיי הוליען און פאַרווײלן זיך צעוואַרעמטע דורכן פייער.

אפילו נאָכן טויט גיט דער ייִד געוויסע נוצן. ס'איז ווינטער. אַ שאַרפער ווינטער. אָבער די וואַרעמקייט זעצט, ווי פון אַן אויוון. די וואַרעמקייט קומט פון די ברענענדיקע ייִדן. עס וואַרעמען זיך ביי דעם פייער די הענקער, זיי טרינקען, עסן און זינגען. דאָס פייער ווערט פאַמעלעך קלענער. ס'איז געבליבן דער אַש, וואָס וועט פעט מאַכן די שווייגנדיקע ערד. דאָס מענטשלעכע בלוט און דער אַש פון די מענטשלעכע קערפּערס — אָט דאָס איז דער פאַרזיי פון דער ערד. זי וועט זיין אַ פּרוכטבאַרע להבא. אויב זי וואָלט געקאָנט רעדן — וואָלט זי אונדז אַסך געזאָגט. זי ווייסט וועגן אַלץ און שווייגט. און אַזוי טאָג איין, טאָג אויס זענען די אַרבעטער געשוואָלן געוואָרן און געפאַלן פון דער אַרבעט ביי די מתים און אומגעקומען אין גרויס ווייטאָג. און אַזוי אויך טאָג איין, טאָג אויס זענען די הערצער פון די הענקערס אָנגעפילט געוואָרן מיט גאווה און פאַרגעניגן, וואָס זיי האָבן דעם גהינום דערהויבן צו אַזאַ מדרגה. ס'איז געווען ליכטיק און וואַרעם, ווייל די פאַקעלן האָבן געברענט, די שפּורן נאָך די אומגעברענגטע זענען פאַרשוואונדן און אונדזערע הערצער האָבן געבלוטיקט. און דער „אויבערשאַרפירער", וואָס האָט דעם גהינום געשאַפן, איז געזעסן ביים פייער, האָט כסדר געלאַכט, געפּיעשטשעט מיט זיין בליק דעם פלאַם און צו אים גערעדט: „טאַדעללאָז". ער האָט אין פלאַם געזען די פאַרווירקלעכונג פון אַלע זיינע דעגענערירטע טרוימען און גלוסטונגען.

דאָס פאַרברענען די מתים האָט זיך איינגעגעבן אויסגעצייכנט. אַזוי ווי די דייטשן האָבן זיך געאיילט, האָט מען אָנגעהויבן בויען נייע רושטן, פאַרגרעסערן די באַדינונג און ברענען 10 און 12 טויזנט מתים מיט אַמאָל. ס'איז אַנטשטאַנען אַן אמת גהינום. ווען מען האָט פון ווייטנס געקוקט דערויף, האָט זיך געקענט דוכטן, אַז אַ וואולקאַן האָט אַרויסגעשאָסן, האָט אויפגעריסן דעם ערד-צודעק און שפּרייט פייער און לאַווינע. ס'האָט געסיטשעט, געזעצט און געקנאַקט אַרום. אין דער נאָענט איז געווען אַ רויך, אַ פייער און וואַרימקייט, אַז מ'האָט נישט געקענט איינשטיין. דאָס האָט געדויערט גענוג לאַנג, ווייל מתים זענען געווען בערך אַ האַלבער מיליאָן.

ביי די נייע טראַנספּאָרטן האָט מען זיך געגעבן ווייניקער מי, ווייל נאָכן פאַרגאַזעווען האָט מען זיי גלייך פאַרברענט. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טראַנספּאָרטן פון בולגאַריע. דאָס זענען געווען רייכע מענטשן; זיי האָבן געבראַכט מיט זיך גרויסע זאַפּאַסן עסן: ווייס ברויט, געדרייכערט שעפּסן־פלייש, קעז אא״וו. מ׳האָט זיי פאַר־ענדיקט, ווי אַלע. מיר אָבער האָבן גענאָסן פון זייערע זאַפּאַסן און איצט באַקומען בעסערע קעסט. די יידן פון בולגאַריע זענען געווען הויך געוויקסיקע, שטאַרקע און מענלעכע. ווען מען האָט געקוקט אויף אַזאַ מענטש האָט זיך פּשוט נישט געוואָלט גלייבן, אַז אין אַ 20 מינוט אַרום וועט ער אין קאַמער אויפהערן לעבן. די דאָזיקע יידן, וועלכע קוקן אויס אַזוי שיין, וועלן די הענקער נישט לאָזן אַזוי לייכט שטאַרבן. מען האָט אין די קאַמערן אַריינגעלאָזט אַ קליינעם סכום גאַז און מ׳האָט זיי געשטיקט אַ גאַנצע נאַכט. זיי האָבן זיך לאַנג געמאַטערט ביז זיי האָבן אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. שווערע יסורים האָבן זיי אויך געליטן פאַרן אַריינגיין אין די קאַמערן. די הענקער האָבן געקוקט מיט קנאה אויף דער געראָטנקייט פון זייערע קרבנות, דעריבער האָבן זיי זיך נאָך מער איזדיעקעוועט איבער זיי.

נאָך די טראַנספּאָרטן פון בולגאַריע האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טראַנספּאָרטן פון ביאַליסטאָק און גראָדנע. דערווייל האָב איך פאַר־ענדיקט דאָס בויען די לאַבאָראַטאָריע, די וועשעריי און די צימערן פאַר די פרויען.

איין מאָל שפּעט אין אָוונט איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע. מיר זענען שוין געווען פאַרשלאָסן אין אונדזערע באַ־ראַקן. די דייטשן און אוקראַינער האָבן אַליין אָן אונדזער הילף זיך פאַרנומען מיט די קרבנות. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ געקלאַ־פּעריי, געשרייען און שאָסן. געדיכטע שאָסן. מיר האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן באַגינען. יע־דער האָט געוואָלט וויסן, וואָס ס׳איז געשען. צומאָרגנס איז דאָס פעלד געווען באַדעקט מיט טויטע קערפּערס. ביי דער אַרבעט האָבן די אוקראַינער אונדז דערציילט, אַז דער אָנגעקומענער טראַנספּאָרט האָט זיך נישט געלאָזט נעמען אין די קאַמערן. עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ טראַגישער קאַמף. זיי האָבן צעשמעטערט אַלץ, וואָס אַרום, זיי האָבן צעקלאַפּט די קאַסטנס מיט גאָלד, וואָס זענען געשטאַנען אין די קאָרידאָרן פון די קאַמערן. זיי האָבן געכאַפּט שטעקנס, אַלץ, וואָס זיי האָבן געטראָפן און זיך פאַרטיידיקט. די קוילן זענען גע־

פאַלן געדיכט און געקאָסיעט. אין דער פרי איז דער פּלאַץ נאָך געווען פארזייט מיט מתים. ביי יעדן פון זיי איז געלעגן דאָס געצייג פון זיין פּאַרטיידיקונג. זיי זענען געפאַלן. די רעשט זענען אַריין אין די קאַמערן. די דערהרגעטע און די פאַרגאַזעוועטע זענען געווען שרעקלעך צעשאָכטן. ביי א טייל זענען געווען אָפּגעריסן גלידער פון קערפּער. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן — איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די צעבונטעוועטע זענען פארברענט געוואָרן. מיר האָבן געזען נאָך בולטער, אז פאר אונדז איז נישט פאַראַן קיין אויס-וועג און קיין רעטונג.

אין יענע צייט האָט מען פאַרשאַרפט די דיסציפּלין, מ'האָט אויס-געבויט א וואַך-שטוב, מען האָט פאַרגרעסערט די וואַך און אַריינ-געצויגן אין לאגער נומער 2 א טעלעפאָן. מיר האָבן שוין נישט געהאַט קיין כח צו אַרבעטן. האָט מען אָנגעהויבן שיקן נייע מענטשן פון לאגער נומער 1. אָבער אויך די זענען נישט געבליבן. אַלע האָט מען פאַרענדיקט. זיי זענען אָפּגעוועזן אַ פּאָר טעג. ווען די דייטשן האָבן באַמערקט, אז זיי טויגן נישט צו דער אַרבעט, האָט מען זיי דערהרגעט. עס איז זיי א שאָד געווען די שפּייז פאר זיי.

צו מיר איז געקומען דער שאַרפירער, א סטאָליער-מייסטער, אַ טשעכישער דייטש, וועגן וועמען איך האָב שוין געשריבן. ער האָט זיך מיט מיר געעצהט ווי אַזוי אויסצובויען א פיר-שטאָקיקן וואַכ-טורעם, וואָס ער האָט געזען אין מיידאַנעק. ווען איך האָב אים אַלץ דערקלערט, איז ער געווען זייער צופרידן. ער האָט דאָס אויסגע-דריקט דורך דעם, וואס ער האָט מיר געבראַכט ברויט מיט וואורשט.

איך האָב אָנגעגעבן די מאָסן פון דעם האָלץ און פון די שרויפן און האָב אָנגעהויבן צו בויען. ווען איך פלעג אָנהויבן עפּעס אַ נייע אַרבעט, פלעג איך וויסן, אז מיין לעבן איז אויף עטלעכע וואָכן פאַר-לענגערט. כל זמן זיי דאַרפן מיך וועלן זיי מיך נישט אומברענגען.

ווען איך האָב אויפגעבויט דעם ערשטן טורעם איז געקומען דער הויפּט-שטורם-פירער און האָט מיר אויסגעדריקט פיל אָנערקענונג און האָט באַפוילן אויסצובויען אַרום דעם צווייטן לאַגער נאָך דריי אַזעלכע טורעמס. מען האָט פאַרשאַרפט די וואַך איבערן לאַגער. מען האָט באַין אופן נישט געקענט אדורכקריגן זיך פון איין לאַגער אין צווייטן.

זיבן מאָן האָבן זיך צוזאַמענגערעדט און האָבן דורך אַן אונטער-

גראָבונג געוואָלט ארויסקריגן זיך פון לאַגער. פיר פון זיי האָט מען געכאַפּט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיי געקאַטעוועט אויף אַן אוממענ־לעכן אופן, וואָס איז געווען ערגער, פונעם עצם טויט. פאַרנאַכט, ווען דער עולם האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, האָט מען אַלעמען אויפגעזאַמלט און מען האָט די געקאַטעוועטע עפּנטלעך אויפגעהאַנגען. איינער פון זיי, מעכל פון ווארשע, האָט פאַרן פאַר־ציִען די פּעטליע אויפן האַלדז אויסגעשריען: „נידער מיט היטלערן, זאָלן לעבן די יידן!".

צווישן אונדז ארבעטער, זענען אויך געווען איניקע זייער רעלי־גיעזע. זיי פלעגן אַלע טאָג דאווענען. אַ דייטש מיטן נאָמען קאראָל, דעם קאָמענדאנטס געהילף, אַ ציניקער, האָט זיך צוגעקוקט צו דער אויפפירונג פון אָט דער קליינער גרופּע, און האָט אָפּגעשפּאָט און גע־מאַכט חוזק. ער האָט זיי געבראכט צום דאַווענען אַ טלית און תפילין. ווען אימיצער פון אָט די ארבעטער פלעגט שטארבן, פלעגט ער אפילו דערלויבן צו מאכן אַ קבורה און שטעלן אַ מצבה. איך האָב גע־עצהט דאָס נישט צו טאָן, ווייל מען וועט זיי דאָך אויסגראָבן און פאַרברענען נאָכדעם, ווי מען וועט זיך אָנזעטיקן מיטן בילד. מען האָט מיך נישט געפאָלגט. אין אַ קורצער צייט ארום האָט מען זיך אי־בערצייגט, אַז איך בין געווען גערעכט.

דאָס איז געווען אין אפריל, 1943. עס האָבן גענומען אָנקומען טראנספּאָרטן פון ווארשע. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אין לאַגער איינס זענען געבליבן ביי דער אַרבעט 600 מאַן פון ווארשע, און דאָס האָט זיך ארויסגעוויזן ריכטיק. אין ערשטן לאַגער האָט דעמאָלט געהערשט פלעק־טיפוס. די קראַנקע האָט מען דערהרגעט. פונעם ווארשעווער טראנספּאָרט זענען געקומען צו אונדז דריי פרויען און אַ מאַן. דער לעצטער איז געווען דער מאַן פון איינער פון די דריי פרויען. איבער אָט די ווארשעווער טראנספּאָרטן האָט מען זיך באַ־זונדערס שטאַרק איזדיעקעוועט*), איבער די פרויען נאָך מער ווי אי־בער די מענער. מען פלעגט אויסקלייבן פרויען מיט קינדער, צופירן צום שייטער, און ווען די רוצחים פלעגן זיך אָנזעטיקן מיטן אויסזען פון די איבערגעשראָקענע פרויען און קינדער, פלעגט מען זיי דער־מאָרדן ביים פייער און פאַרברענען. אַזעלכע שפּילערייען מיט פרוי־

*) פון די ארויסגעבער: דאָס איז פאַרשטענדלעך, מחמת די טראנספּאָרטן וועגן וועלכע דער מחבר רעדט, האָבן געשטאַמט פון דער צייט פון די באַוואָפנטע קאַמפן אין ווארשעווער געטאָ.

ען און קינדער פון אַט די טראַנספּאָרטן זענען געווען אַן אָפּטע דער־
שיינונג. די פרויען פלעגן פאַרשוואַכט ווערן און מען פלעגט זיי
שלעפּן האַלב־טויטע. אין פּאַנישער שרעק פלעגן די קינדער זיך
וואַרפן אין די אָרעמס פון די מוטערס. די פרויען פלעגן בעטן רחמים,
פלעגן פון שרעק פאַרמאַכן די אויגן, כדי אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן וואו
זיי געפינען זיך. די רוצחים פלעגן פון הנאה מאַכן גרימאַסעס און
פלעגן לאַנג־לאַנג האַלטן די קרבנות אין שפּאַנונג. ווען מען פלעגט
מאָרדן איין גרופּע פרויען און קינדער, זענען שוין געשטאַנען אַנדערע
און געוואַרט אויף זייער רייע. אָפּטמאָל פלעגן די רוצחים אַרויס־
רײַסן אַ ווײנענדיק קינד פון דער מוטערס הענט און לעבעדיקערהייט
וואַרפן אין פײַער אַרײַן. זיי פלעגן דערבײַ אָפּלאַכן, צורופן די מו־
טערס העלדיש צו שפּרינגען אין פײַער נאָך די קינדער און שפּאָטן
פון זייער פּחדנות. איך האָב געזען טויזנטער אַזעלכע שוידערלעכע
בילדער, וואָס מאַכן ציטערן דאָס לײַב מיט זייער אימהדיקייט.

פון ערשטן לאַגער האָט מען אונדז צוגעשיקט נאָך מענטשן צו
דער אַרבעט. זיי זענען געווען שרעקלעך אָנגעשראָקן און האָבן מורא
געהאַט מיט אונדז צו רעדן. אין לאַגער איינס איז די דיסציפּלין גע־
ווען אַ שרעקלעכע. ווען זיי האָבן זיך אַביסל אײַנגעלעבט און באַ־
רואיקט, האָבן זיי אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין ערשטן לאַגער
איז אויסגעבראָכן אַ בונט, און עס גרייט זיך אַן אויפשטאַנד. עפּעס
פּיקט זיך שוין דאָרטן אויס. מיר האָבן געוואָלט פאַרשטענדיקן זיך
מיט די מענטשן פון ערשטן לאַגער, אָבער עס איז נישט אונטערגע־
קומען קיין געלעגנהייט. אַרום זענען טורעמס און וועכטער. דאָס
עסן אין אונדזער לאַגער האָט זיך פאַרבעסערט. יעדע וואָך אַ באָד
און אַפילו ריינע וועש. מען האָט דאָך אַראָפּגעבראַכט פרויען און
אײַנגעאָרדנט אַ וועשערײַ.

מיר האָבן באַשלאָסן מיטן אָנקומען פון פרילינג צו באַפרייען
זיך אָדער אומקומען.

אין יענער צײַט האָב איך זיך צוגעקילט און געקריגן אַ לונגען־
אָנצינדונג. אַלע קראַנקע פלעגט מען טויטן מיט אַ קויל אָדער אַן
אײַנשפּריצונג. מיך האָבן זיי אָבער, ווי עס שײַנט, געדאַרפט האָבן.
האָט מען מיך אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן געהיילט. פיל מי
האָט אָנגעווענדעט אויך דער יידישער דאָקטאָר. ער האָט יעדן טאָג
מיך באַטראַכט, געהיילט און געטרייסט. מײַן דײַטשער שעף לעפּ־
לער פלעגט מיר ברענגען עסן: ווייס ברויט, פּוטער, סעמעטענע. ווען

ער פלעגט עפּעס צונעמען ביי שמוגלערס פלעגט ער זיך טיילן מיט מיר. דער פּרילינג, דער חשק צום לעבן און די הילף האָבן געהאַט אַ פּעולה. איך בין אין די שווערע באַדינגונגען געוואָרן געזונט, און איך האָב געמוזט צוריק אַרבעטן. איך האָב פאַרענדיקט דאָס בויען די וואַך־טורעמס.

איין מאָל איז צו מיר געקומען דער הויפּט־שטורמפירער אין דער באַגלייטונג פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט און מיין שעף לעפלער. זיי האָבן מיך געפרעגט, צי וואָלט איך נישט געקענט אויסבויען אַ פּעסטונג־הויז. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ בנין פון קלעצער, וואָס זאָל דינען פאַר אַ וואַך־הויז אין ערשטן לאַגער. ווען איך האָב אים אָנגעהויבן צו דערקלערן ווי מען דאַרף דאָס מאַכן, האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע חברים מיט אַ באַמערקונג, אַז איך האָב אים פאַרשטאַנען אויפן וואונק.

קיין בוי־מאַטעריאַל איז נישט געווען. מיר האָבן געדאַרפט אָנזעגן. איך האָב זיי צוגערעדט צו מאַכן דעם דאַך פון שינדלען. די שינדלען האָבן מיר אליין אויסגעפּאַרטיקט. איך האָב דערמיט גרינגער געמאַכט די חברים. זיי האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן ביי די מתים און האָבן מיר געהאָלפן. איך האָב דאָס הייזל אויפגעשטעלט ציימווייליק אין צווייטן לאַגער אויף שפּעטער עס צוצונעמען. עס איז אַלעמען שטאַרק געפעלן געוואָרן. דער הויפּט־שטורמפירער און לעפלער האָבן זיך באַרימט פאַר זייערע חברים, אַז דאָס האָבן זיי געמאַכט. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מען געדאַרפט דעם בנין צענעמען און אַריבערטראָגן אין לאַגער נומער 1. דער בוי־מייסטער הערמאַן און דער סטאָליער־מייסטער האָבן אליין נישט געקענט אויפשטעלן דאָס הויז.

זיי איז לייכטער געווען צו מאָרדן אומשולדיקע, איידער טאָן אַזאַ אַרבעט.

זיי האָבן זיך ווידער געווענדעט צו מיר. דאָס איז מיר געווען אויף דער האַנט. איך האָב זיך געקענט אַריינקריגן אין לאַגער איינס און דאָרטן צוזאַמענרעדן זיך מיט מיינע חברים פון אומגליק. איך האָב צו דער אַרבעט נויטיק געהאַט הילף. עס וואָלט געווען גענוג פיר אַרבעטער, איך האָב פונדעסטוועגן גענומען אַכט. ווען איך בין צוגעקומען צום ערשטן לאַגער, האָב איך אים אין גאַנצן נישט דערקענט. דאָרטן האָט געהערשט אַן אַבסאָלוטע ריינקייט, אָבער די

דיסציפלין איז אויך געווען אַ שרעקלעכע. אַלע האָבן געציטערט פאַר די שיין פון אַ דייטש אָדער אוקראַינער, זיי האָבן נישט נאָר מיט אונדז נישט גערעדט, נאָר מורא געהאַט אפילו צו קוקן אויף אונדז. אויס-געהונגערטע, געממיתטע, האָבן זיי פונדעסטוועגן געהאַט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געאַרבעט זייער טיכטיק. אַלץ איז געווען אויסגערעכנט. אַ געוויסער וואַרשעווער בעקער-אַרבעטער, דער פאַרבינדונגס-מאַן צווישן די פאַרשוועדער — מיטן נאָמען לייט-אייזן — האָט געאַרבעט ביים פאַרקאַן אין ערשטן לאַגער. און מיט אים איז שווער געווען זיך צו פאַרשטענדיקן. דער פאַרקאַן איז גע-ווען געדיכט באַפלאַנצט מיט נאָדל-בוימלעך. מען האָט נישט געקענט ווייסן, וואָס עס לויערט הינטער זיי. די אַרבעטער פון ערשטן לאַגער זענען געווען תמיד אונטערן בייטש. אין פאַרגלייך מיט זיי האָבן מיר געהאַט פולע פרייהייט. מיר האָבן בעת דער ארבעט געמעגט רויכערן. מיר האָבן אפילו געהאַט צוגעטיילט פאַרציעס סיגאַרעטן. אָט די פרייהייט האָבן מיר אויסגענוצט פאַר אונדזערע צילן. איי-ניקע פון אונדז האָבן פאַרפירט אַ שמועס מיטן וועכטער און אָפּגע-ווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט, די אַנדערע האָבן זיך פאַר דער צייט פאַרשטענדיקט מיט די מענטשן פון ערשטן לאַגער. אָט אַזוי זענען מיר אריין אין באַשטאַנד פון אַ קאָמיסיע פון דער געהיימער אָרגאַ-ניזאַציע, וועלכע האָט אונדז געגעבן אַ געוויסע האָפענונג פון באַ-פרייאונג אָדער אַ העלדישן טויט.

דאָס אַלץ איז געווען זייער ריזיקאַליש ביי דער וואַכזאַמקייט פון די שומרים און שטאַרקער פאַרצוימט. „פרייהייט אָדער טויט" — איז געוואָרן אונדזער ציל. אין דער צווישנצייט האָב איך געענדיקט אויפשטעלן דעם בנין. נאָכן פאַרענדיקן די געביידע האָבן מיר גע-קריגן פון הויפּטשטורם-פירער וואורשט און שנאַפּס. אין דער צייט פון דער ארבעט פלעגן מיר קריגן אַ האַלבן קילאָ ברויט איבער דער נאָרמע.

להיפוך צו דער לאַגע ביי אונדז, איז דער טעראָר אין לאַגער איינס געוואָרן אַלץ גרעסער. איבער די אַרבעטער קיניגט פראַנץ מיט זיין הונט, וועלכער צעררייסט מענטשן לעבעדיקערהייט. ווען איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין לאַגער נומער איינס, האָב איך באַ-מערקט עטלעכע יינגלעך אין עלטער פון 13-14 יאָר. זיי האָבן גע-פיטערט געגנדז און אויסגעפירט אַנדערע קלענערע אַרבעטן. זיי זע-נען געווען די ליבלינגען פון לאַגער. מיט אַ באַזונדערער אויפמערק-

זאַמקייט האָט זיי אַרומגערינגלט דער הויפּט־שטורמפירער — ער איז געווען צו זיי שיעור נישט ווי אַ טאַטע. ער האָט וועגן זיי געזאָרגט, געשפּילט זיך מיט זיי און אָפט פאַרבראַכט מיט זיי גאַנצע שעהן. ער האָט זיי געגעבן עסן, טרינקען און האָט זיי אויסגעקליידט. ער האָט זיי געגעבן די שענסטע מלבושים. די קינדער האָבן אויסגעזען געזונט. די זאָרגפעליקע פלעגע, גוטע שפּייז און לופט האָבן גוט געווירקט אויף זייער אַנטוויקלונג. איך האָב געטראַכט, אַז זיי וועלן בלייבן לעבן, און זיי וועט קיין שום בייז נישט געשען. ווען איך בין איצטער געקומען צום לאַגער, האָט זיך מיר גלייך געוואָרפן אין די אויגן, אַז עס פעלן אָט די אויסדערוויילטע קינדער. מען האָט מיר געענטפערט, אַז נאָך דעם, ווי דער פירער האָט זיך מיט זיי אָנגעזעטיקט, האָט ער זיי אָפּגעשטויסן און דערמאָרדעט.

נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין לאַגער נומער 2, פול מיט האָפענונג אויף באַפרייאונג, אָבער אָן קיין שום קאָנקרעטע אויסזיכטן. די פאַרבינדונג איז ווידער איבערגעריסן געוואָרן. אין לאַגער צוויי האָט מען שוין חדשים־לאַנג געברענט מתים, אבער עס איז געווען אַזוי פיל, אַז מען האָט זיך נישט געקענט אַן עצה געבן. מען האָט געבראַכט נאָך צוויי באַגערס־גראַב־מאַשינען אויף אויסצוגראָבן טויטע קערפּערס. מען האָט אויפגעשטעלט נייע רושטן און מען האָט די אַרבעט נאָך מער צוגעיאָגט. כמעט דער גאַנצער קליינער הויף איז געווען פאַרנומען מיט רושטן, און אויף יעדן פון זיי האָבן געברענט מתים. דער זומער איז געווען אין רעכטן מיטן און פון די אויוונס האָט געשלאָגן אַ היץ. גהינום. מיר האָבן געזען זיך אַליין ברענענדיקע אויף די דאָזיקע רושטן. מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער רגע, ווען מיר וועלן זיך אַליין מיט כוח עפענען די טויערן.

ווידער זענען אָנגעקומען עטלעכע טראַנספּאָרטן. פון וואַנען זיי זענען געווען ווייס איך נישט. עס זענען אויך געווען צוויי טראַנספּאָרטן פּאָליאַקן. איך האָב זיי לעבעדיקערהייט נישט געזען און איך ווייס נישט ווי מען איז זיך מיט זיי באַגאַנגען ביים אויסטאָן און אָפּשיקן אין די קאָמערן. מען האָט זיי פאַרסמט מיט גאַז צוזאַמען מיט די אַנדערע. ביי דער אַרבעט האָבן מיר דאָס דערקענט לויט די מאַנסבילן, וועלכע זענען נישט געווען געמלט, און מיר האָבן געהערט ווי די אויספירער פון דער מאָרד־אַרבעט האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז די פאַרפלוכטע פּאָליאַקן וועלן זיך שוין מער נישט בונטעווען.

אונדזער יוגנט אין לאַגער האָט שוין גענומען פֿאַרלירן דעם גע־דולד און האָט זיך געריסן צום בונט, אָבער דאָס איז געווען אומ־מעגלעך. דער איבערפֿאַל און דאָס אַנטלויפֿן זענען נאָך נישט געווען אָרגאַניזירט. קיין קאָנטאַקט מיטן ערשטן לאַגער איז נישט געווען. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. ווידער האָבן מיר זיך גע־קענט פֿאַרשטענדיקן מיטן לאַגער איינס.

אַ געוויסן זונטיק נאָכמיטאָג איז צו מיר צוגעקומען מיין שעף לעפּלער און האָט מיר געזאָגט, אַז דער הויפּטשטורמפֿירער וויל צום הייזל, וואָס איך האָב אויסגעבויט, צובויען נאָך אַ טויער, ענלעך צום הייזל, און אַז מיר גיט ער איבער די אַרבעט. ער האָט מיר געהייסן אָנצייכענען אַ פּראָיעקט. איך האָב געגעבן דעם הויפּטשטורמפֿירער צוזאָב־אויפֿקלערונגען. ער האָט אַלץ אַקצעפּטירט. איך האָב אָנגע־געבן די מאָסן אויף מאַטעריאַל און אָנגעהויבן צו אַרבעטן. איך האָב זיך פֿאַר דעם אָנגעכאַפּט ווי אַ טרינקענדיקער אָן שאַרף פֿון אַ מע־סער. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די לעצטע געלעגנהייט אָנ־צוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די פֿאַרשווערערס. איך פֿלעג אָפּט אויס־געפֿינען תּירוצים און אַריינקריגן זיך אין לאַגער איינס און דאָרטן פֿלעגן מיר אַרומרעדן דעם פּלאַן מיט די חברים. יענע האָבן אונדז נישט געגעבן קיין ענדגילטיקן ענטפֿער. זיי האָבן אָנגעזאָגט בלויז צו האַלטן זיך פֿעסט, נישט פֿאַרלירן די האָפֿענונג און וואַרטן. ביי אונדז אין לאַגער האָט מען איצטער געבויט אַלץ מאַסיווערע רושטן, פּונקט ווי דאָס וואָלט נויטיק געווען אויף יאָרהונדערטער. די יוגנט האָט צווזעענדיק דאָס זיך געריסן צום טאַט. מיר האָבן געהאַלטן אין פֿאַרלירן דאָס געדולד.

אין לאַגער נומער צוויי האָבן מיר זיך גענומען אָרגאַניזירן אין פֿינפֿטלעך. יעדער פֿינפֿטל האָט געהאַט צו דערפֿילן זיין באַזונדערע אויפֿגאַבע. דערהרגענען די דייטשע און אוקראַינישע מאַנשאַפֿטן, אונטערצינדן די בנינים, אָפּריינקן דעם וועג פֿאַר די אַנטלויפֿנדיקע א. ד. ג. אַלץ איז פֿאַר דעם ציל צוגעגרייט געוואָרן; טעמפּע וואָפֿן אויף צו דערהרגענען, האַלץ אויף בריקן, עמערס מיט בענזין אויף אונטערצינדן. דער 15טער יוני איז באַשטימט געוואָרן ווי די דאַטע אויף אָנצוהויבן דעם אויפֿשטאַנד. דאָס האָט זיך אָבער דעמאָלט נאָך אַרויסגעוויזן פֿאַר אוממעגלעך און מען האָט זי אָפּגערופֿן. אַזוי איז געשען עטלעכע מאָל.

מען האָט פֿעסטגעשטעלט פֿאַרשידענע טערמינען. די זיצונגען

פון דער אָרגאַניזיר-קאָמיסיע פלעגן פאָרקומען נאָכן פאַרשפּאַרן אונדז אין די באַראַקן. ווען אַלע פלעגן, אויסגעמאַטערט פון דער אַר־בעט און פון איינשלאָפן, פלעגן מיר זיך דעמאָלט פאַרקלייבן אין אַ ווינקל פון אונדזער באַראַק אויף אַן אויבערשטע פּריטשע און אָפּ־האַלטן אונדזערע באַראַטונגען. די יוגנט האָבן מיר געהאַלטן אין צוואַנגען, ווייל זי האָט זיך געריסן און געוואָלט אָנהויבן אַן אַ פּלאַן. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן אַן דעם לאַגער איינם גאָרנישט צו טאָן, ווייל דאָס וואָלט פאַר אַלעמען געווען אַן אַקט פון זעלבסטמאָרד. אין אונדזער לאַגער איז געווען בלויז אַ קליין הייפל, ווייל נישט אַלע זע־נען געווען פעאיק צום קאַמף. ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז די באַהאַנדלונג און דערנערונג דאָ געווען פיל בעסער, ווי אין לאַגער איינס.

אין לאַגער איינס זענען געווען ביי אַ 700 אַרבעטער. ביי אונדז אָבער נאָר ביי אַ 300. די אַרבעטער פון לאַגער איינס זענען געווען שרעקלעך אויסגעהונגערט. דערצו זענען נאָך צוגעקומען שמיץ און שטראָפן. די שווערסטע שטראָפן זענען געווען פאַר מסחר מיט די אוקראַינער. איך האָב אַליין געזען, ווי איינעם, ביי וועמען מען האָט געזען אַ שטיקל וואורשט, האָט מען אין זייער אַ הייסן טאָג צוגע־בונדן צו אַ סלופּ, און ער האָט אַזוי באַדאַרפט שטיין אַן באַוועגונג. אַזוי ווי ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער, האָט ער אויסגעהאַלטן און נישט אַרויסגעגעבן די אוקראַינער, מיט וועמען ער האָט גע־האַנדלט.

מען דאַרף זאָגן, אַז ווען די דייטשן וואָלטן זיך דערוואוסט וועגן דעם אוקראַינער, וואָס האָט געשמוגלט, וואָלטן זיי אים אויך געגעבן פעסטע בייטשן, אָבער יענער וואָלט שפּעטער בלוטיק זיך אָפּגע־רעכנט מיט די יידן. לעבנדיק אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, פלעגן מענטשן אָפּגעניצט ווערן זייער שנעל. דעמאָלט פלעגט פראַנץ זיי צופירן צו די גליענדיקע אויוונס, פלעגט ביים פייער שלאָגן און מזיקן זיי אויפן אוממענטשלעכסטן אופן און דערנאָך צעקלאַפּטע און צעקאַליעטשעטע, פלעגט ער זיי דערשלאָגן צום טויט און אַריינ־וואַרפן אין פייער. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דער ערשטער לאַגער מוז אַריינטרעטן אין אויפשטאַנד. און אַן זיי וועלן מיר גאָרנישט דערגרייכן. מיר האָבן דעריבער אַלץ צו־געגרייט, געווען שטענדיק אויף דער וואַך און געוואַרט אויפן צייכן.

דערווייל איז דאָס „לעבן" געפלאָסן מיט זיין „געוויינלעכן" וועג.

טויט-אויסטערלישע איינפאלן האָבן זיך נישט אויסגעשעפּט. דער מאַנ־שאַפט האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן שפּיל און פאַרווײַלונג. בלויז דאָס האָט זיי געפעלט. זיי האָבן דעריבער איינגעאָרדנט צוואַנג-פאָרשטעלונ־גען, קאָנצערטן, טענץ און ד. ג. די „אַרטיסטן" פלעגט מען אויף עט־לעכע שעה באַפרייען פון דער אַרבעט אויף מאַכן פּראָבן. אין די זונטיקן פלעגן אונטער צוואַנג איינגעאָרדנט ווערן פאָרשטעלונגען, צו וועלכע עס פלעגן קומען דייטשן און אוקראַינער. אין די כאָרן פלעגן אונטערן צוואַנג זינגען פרויען. דער אָרקעסטער איז באַשטאַ־נען פון דריי מוזיקאַנטן, וועמען מען פלעגט טאָג-טעגלעך צווינגען צו שפּילן ווען מען פלעגט אַלעמען אויפזאַמלען נאָכן קאַטעווען. ביים מאַרשירן צו דער אַרבעט פלעגט מען צווינגען זינגען יידישע לידער. פאַר דער נייער פאָרשטעלונג האָט מען אויפגעניייט נייע קאָסטיומען. אָבער זי איז שוין נישט פאָרגעקומען צוליב אונדזער אַטענטאַט און אויסגעפירטן פלאַן צו אַנטלויפן.

פון 12 ביז 1 בייטאָג פלעגן די דייטשן עסן מיטאָג. די יידן פלעגן דעמאָלט שטיין אויפן הויף ביי זייער עס-צימער און זים מאַכן זיי דאָס עסן מיט געזאַנג און מוזיק. די יעניקע, וועלכע האָבן גע־הערט צום כאָר, האָבן שווער געאַרבעט צוגלייך מיט אַלעמען, אָבער זיי האָבן געהאַט ספּעציעלע שעהן באַשטימטע אויף געזאַנג און מו־זיק. בכלל האָבן זיך אונדזערע הענקער אויסגעצייכנט פאַרווילדט מיטן פאַרבליבענעם הייפל יידן. מען האָט זיי אָנגעטאָן ווי לצים און זיי געגעבן פונקציעס, וועלכע האָבן אפילו ביי אונדז צעווייטיקטע אַרויסגערופן געלעכטער.

פאַרן טויער פון אונדזער באַראַק איז געשטאַנען אַן אויסגעקלי־בענער דורך די דייטשן יידישער וועכטער. מען האָט אים אָנגעטאָן ווי אַ טשערקעס אין רויטע הויזן, אַן אויסגעפּאַסטע מאַרינאַרקע און פוןביידע זייטן אויפן ברוסט הילצערנע קוילן-גילזעס. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ הויכע פוטערנע היטל (פּאַפּאַכע), אַ ביקס האָט מען אים געגעבן פון האָלץ. מען האָט אים געצוואונגען צו פּראַווען לצנישע שטיק און צו טאַנצן ביז די לעצטע כחות. זונטיק פלעגט מען טוישן דעם מלבוש אויף אַן אָנצוג פון ווייסן לייוונט מיט רויטע לאַמ־פּאַסן און לאַצן מיט רויטע שנירלעך. מען פלעגט אים אַפּט אָנשכורן און זיך שפּילן מיט אים.

אין דער אַרבעטס-צייט האָט קיינער נישט געטאָרט אַריינקומען

אין די באַראַקן, האָט ער געהיט דעם אַריינגאַנג. ער האָט געהייסן מאַריץ און געשטאַמט פון טשענסטאָכאָוו.

אַ צווייטער אַזאַ קרבן איז געווען דער אַזוי גערופענער „שיים־מייסטער". מען האָט אים אָנגעטאָן ווי אַ חזן. ער האָט זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אַ בערדל און ער האָט געהאַט ביי זיך אַ וועק־זייגער אויף אַ שנירל אָנגעהאַנגען אויפן האַלדז. זיין אויפגאַבע איז געווען צו קוקן אויפן זייגער, ווען עמיצער פלעגט אַריין אין אָפּטריט. מען פלעגט דאָרטן נישט טאָרן זיין לענגער ווי דריי מינוט. דער נאָמען פון אָט דעם קרבן איז געווען יוליאַן. אויך ער האָט געשטאַמט פון טשענסטאָכאָוו. ער האָט דאָרטן געהאַט אַ פאַבריק פון מעטאַל־אויסאַרבעטונגען. עס איז געגאַנגען געווען אויף אים אַ קוק צו טאָן, כדי אויסצובראַכן מיט אַ געלעכטער. מאַריץ האָט אָנגענומען אַלע זייערע שטיק פּשוט. ער האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען, ווי נעבעכדיק ער זעט אויס. דאַקעגן פלעגט יוליאַן, וואָס איז געווען אַ רואיקער און סאָלידער מענטש, ביטער וויינען, ווען מען פלעגט מיט אים פּראַווען שטיק. ביים אויוון האָט ער אויך געוויינט. זיין עצם הלבשה, אויסזען און באַשעפּטיקונג האָבן אָנגערעגט די מערדער צו איזדיעקעווען זיך איבער אים און צו מאַכן חוזק.

איך בין אַ לענגערע צייט געווען ביי דער אַרבעט אין ערשטן לאַגער און אויף ביינאַכט פלעג איך צוריקקומען אין צווייטן. איך האָב איצטער געקענט דרייסט און זיכער זיך צונויפרעדן מיט די אויפשטענדלער פון ערשטן לאַגער. מען האָט מיך ווייניקער געהיט ווי די אַנדערע און גוט באַהאַנדלט. עס פלעגט פּאַסירן, אַז די אוקראַינער פלעגן מיר געבן עטוואָס צו באַהאַלטן, וויסנדיק, אַז מיך וועט מען נישט רעווידירן. דער שעף אַליין פלעגט מיר ברענגען עסן און פלעגט אכטונג געבן, אַז איך זאָל זיך מיט קיינעם נישט טיילן. איך האָב זיי קיינמאָל נישט געהנפעט. ווען איך פלעג רעדן מיט פראַנצן, פלעג איך נישט אַראָפּנעמען דאָס היטל. אַ צווייטן וואָלט ער אין אַזאַ פאַל דערהרגעט אויפן אָרט. מיר האָט ער נישט איינמאָל איינגערוימט אין אויער אויף דייטש: „ווען דו רעדסט צו מיר, פאַרגעס נישט אַראָפּצונעמען דאָס היטל." אין אַזעלכע באַדינגונגען האָב איך זיך באַוועגט כמעט פריי און אַלץ אַרומגערעדט. איך האָב געהאַט מיט זיך נאָך עטלעכע מענטשן.

שוין לאַנג, ווי קיין טרעבלינקע זענען נישט אָנגעקומען קיין

טראַנספּאָרטן. ערשט אין א געוויסן טאָג, ווען איך האָב געאַרבעט ביים טויער, האָב איך באמערקט צווישן דער דייטשער און אוקראַינישער מאַנשאַפט א געענדערטע שטימונג. דער „שטאַבשאַרפירער", אַ מענטש פון א יאָר 50, אַ נידעריקער און פעסטער מיט אַ רוצחישן פנים, איז עטלעכע מאָל ארויסגעפאָרן אין אן אויטאָ. דערווייל האָט זיך דער טויער געעפנט און מען האָט געבראַכט ביי אַ טויזנט ציגיינער. (דאָס איז שוין געווען דער דריטער טראַנספּאָרט ציגיינער). ביי אַ 200 מענער — דאָס איבעריקע פרויען און קינדער. צוזאַמען מיט זיי אויף פורלעך — זייער גאַנצע האָב און גוטס. שמוציקע שמאַטעס, צעריסענע בעט-געוואַנט און אַנדערע אביונישע זאַכן. זיי זענען געקומען כמעט אָן א וואַך. געבראַכט האָבן זיי צוויי אוקראַינער אין דייטשע יוניפאָרמס. די צוויי, וואָס האָבן זיי געבראַכט, האָבן אויך נישט געוואוסט דעם גאַנצן אמת. זיי האָבן געוואָלט דערליידיקן אַלץ פאָרמעל און קריגן קוויטירונגען. מען האָט זיי אפילו נישט אריינגעלאָזט אין לאַגער. זייער פאָדערונג האָט מען אויפגענומען מיט א סאַרקאַסטישן שמייכל. פון דער זייט האָבן זיי זיך פון אוקראַינער דערוואוסט, אַז זיי האָבן געבראַכט קרבנות אין אַ טויטן-לאַגער. זיי זענען געוואָרן בלאַס, נישט געגלויבט און פון דאָס ניי געמאַכט א פּרואוו דורכצוקריגן זיך דורכן טויער. דעמאָלט איז אַרויס דער „שטאַבשאַרפירער" און האָט זיי געגעבן א פאַרחתמעטן קאָנווערט. מיט דעם זענען זיי אָפּגעפאָרן. די אַלע ציגיינער האָט מען פארגאַזט און פאַרברענט. זיי זענען געווען פון בעסאַראַביע.

יולי האָט געהאַלטן ביים סוף. הייסע שטיקנדיקע טעג. צום שווערסטן איז געווען צו אַרבעטן ביי די קברים. עס פלעגן פון דאָרטן זיך טראָגן שרעקלעכע ריחות. די מענטשן, וואָס פלעגן זיך צוריקקערן פון אָט דער ארבעט האָבן נישט געקענט איינשטיין אויף די פיס. ארום 75 פּראָצענט פון די קרבנות זענען געווען פאַרברענט. איצטער איז פארבליבן אויסצוגלייכן די ערד און מאַכן אַזוי, אַז עס זאָלן נישט פאַרבלייבן קיין שפּורן פונעם בלוטיקן פאַרברעכן. אַש איז שווייגנדיק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרבעט פון פאַרשיטן די שוין פּוסטע קברים. מען האָט אַהין אַריינגעוואָרפן די אַש פון די פאַרברענטע, אויסגעמישט מיט ערד, בכדי עס זאָלן נישט פאַרבלייבן קיין סמנים. עס איז אנטשטאַנען א ליידיקער שטח. מען האָט אים געדאַרפט אויסנוצן. מען האָט דעם שטח אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. מען האָט צו אים צוגעגעבן א שטיק ערד פון לאַגער צוויי און באַשטימט עס צו פאַרפלאַנצן. מען האָט געפּרואווט

צו פאַרזייען עפּעס אויפן באָדן, וואו עס רוט דאָס אַש. די ערד האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר פרוכפּערדיק. די גערטנער האָבן פאַרזייט לובין און ער איז פיין געוואקסן. דער שטח פון די קברים, וואָס 75 פּראָצענט פון זיי זענען געווען אויסגעגראָבן און די קערפּערס פאַר־ברענט, האָט מען אויסגעגלייכט, פאַרזייט, אַרומגערינגלט מיט שטע־כיקן דראָט און פאַרפלאַנצט מיט נאָדל־בוימלעך. די ברוסטן ביי די מערדערס האָבן שיער נישט געפּלאַצט פון גאוה, וואָס זיי האָבן אַזאַ זאַך געקאָנט אויפטאָן און זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן פאַרדינט אַ קליינע באַשיידענע פאַרווײלונג. זי האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואָס די גראַב־מאַשין, וואס האָט אויסגעגראָבן אונדזערע ברידער, איז אריבער אין א מצב פון מנוחה. מען האָט זי אויפגעהויבן מיטן קויש ארויף. זי האָט אויסגעזען, ווי א טורעם, וואָס בליקט שטאָלץ אַרויף צום הימל צו. מען האָט געשאָסן אויף וויוואט, דערנאָך איז געווען אַ סעודה. מען האָט געטרונקען, געמאַכט וויצן און זיך פאַרוויילט. אויך מיר האָבן גענאָסן. מיר האָבן געקריגן אָן עט־לעכע טאָגיקן איבעררייס אין דער ארבעט. איצטער זענען מיר שוין געווען פולשטענדיק זיכער, אַז עס קומען אָן אונדזערע לעצטע טעג. 25 פּראָצענט קברים, און מיר — זענען די איינציקע עדות פון די אַלע באַרבאַרישע טאַטן. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך געהאַלטן און גע־דולדיק געוואַרט אויף דער אויסלייזונג. איך האָב איצטער כסדר גע־אַרבעט אויפן שטח פון לאַגער איינס. איינער פון אונדזערע טורעמס, האָט צוליבן אריבערגיין פון א געוויסן טייל פון שטח פון לאַגער צוויי צו לאגער איינס, — זיך געפונען אין ראַיאָן פון לאגער איינס. מען האָט אים געדאַרפט פונאַנדערנעמען און איבערטראָגן אין לאַגער צוויי. איך האָב אויף דעם געאַרבעט מיט מיינע מענטשן. ווידער אַמאָל האָב איך געהאט א מעגלעכקייט צוזאַמענצורעדן זיך וועגן דער פאַרשווערונג מיט די אומגליקס־חברים פון לאַגער איינס.

נאָך אָן איבעררייס פון עטלעכע טעג האָבן מיר ווידער גענומען אויסגראָבן די קברים און פאַרברענען די לעצטע 25 פּראָצענט פון די קרבנות. אָבער, ווי איך האָב אָנגעמערקט, זענען די היצן געווען שרעקלעכע. פון יעדער גרוב, וואס מען האָט געעפנט, האָבן זיך געטראָגן שרעקלעכע אויסדאַמפונגען. איין מאָל האָבן אונדזערע הענקער, פון פאַרוויילונג וועגן, אריינגעוואָרפן עפּעס א ברענענדיקע זאַך אין אַ געעפנטער גרוב. גלייך האָבן פון דאָרטן גענומען שלאָגן זיילן שווארצע רויך, און א פייער האָט דאָרטן געטליעט א גאנצן טאָג. עס פאַרשטייט זיך, אז אין איינציקע קברים האָט מען אריינ־

געוואָרפן די טויטע קערפּערס תיכּף נאָכן פאַרגאַזעווען זיי. די קער־פּערס האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעקילט. זיי זענען געלעגן צו ענג צו־נויפגעפרעסט. און אַז מען פלעגט עפענען די קברים, פלעגט אַ דאַמף שלאָגן ווי פון אַ קעסל. איין מאָל ביים אַרויפליייגן די קער־פּערס אויף די רושטן־שטאַנגען, האָט מען באַמערקט אַ האַנט, וואָס האָט געשטאַרצט אין דער הויך. אַלע פינגער זענען געווען איינגע־בויגן, נאָר דער ווייז־פינגער איז געווען פאַרשטייפט און געשטאַרצט אַרויף, ווי ער וואָלט גערופן זיינע הענקער צו גאָטס משפּט. דאָס איז געווען אַ „פּשוטער" צופאַל, פונדעסטוועגן זענען אַלע געווען אויפגע־רודערט. אפילו אונדזערע הענקער זענען בלאַס געוואָרן און האָבן נישט אָפּגעריסן די אויגן פונעם שרעקלעכן בילד. ווי עס וואָלט אין דער אמתן געשטעקט דערין עפּעס אַ העכערע קראַפט. אָט די האַנט האָט לאַנג, לאַנג געשטאַרצט. אַ טייל פון שייטער איז שוין לאַנג געוואָרן אַש, און דאָ איז אַ האַנט אויסגעצויגן צום הימל און מאָנט גערעכטיקייט. דער קליינער אומבאַדייטנדיקער צופאַל האָט אויף עטלעכע ווײלעס קאַליע געמאַכט די שטימונג ביי די אַלע מערדערס.

איך האָב ווידער געאַרבעט אין לאַגער איינס, און אויף דער נאַכט געקומען צוריק אין — צוויי. איך האָב געמאַכט אַ פּאַרקאַן פון בער־יאָזע־האָלץ. דאָס איז געווען אַ נידעריקער פּאַרקאַן אַרום אַ בלו־מען־גערטל. אין גאָרטן זענען אויך געווען שטוביקע חיות און פייגל. אַרום איז געווען שיין און רואיק. מען האָט אויפגעשטעלט היל־צערנע בענקלעך פאַר אָפּרו פאַר די דייטשן און אוקראַינער. מנוחה און שטילקייט האָבן געוועלטיקט אין דעם דאָזיקן ווינקעלע. צום באַדויערן אָבער איז דאָס געווען אַ נעסט פון גהינום־צוגרייטונגען, ווייל וועגן קיין שום אַנדער זאַך ווי וועגן פייניקונגען האָט מען דאָ מסתמא קיין געשפּרעכן נישט געפירט.

אָפטמאָל פלעגט דער קאָמענדאַנט פון ערשטן לאַגער פון וויטן זיך צוקוקן צו מיין אַרבעט. רעדן צו אונדז האָט מען נישט געטאָרט. ער פלעגט אָפטמאָל געגנבהטערהייט מיר צואוואַרפן עטלעכע ווער־טער. דאָס איז געווען אַ ייד פון אַ יאָר 45, אַ הויכער און אַ ליבער. ער האָט געהייסן גאַלעווסקי און געשטאַמט פון לאָדזש. פון פאַך אַן אינזשיניער. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן קאָמענדאַנט אין אויגוסט 1942, דעמאָלט, ווען עס איז אַנטשטאַנען אַ יידישע „מאַכט". ער איז געווען די פּרוזשינע פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַר־בעט. אַזוי ווי ער האָט נישט באַוויזן אַראָפּצופאַלן נידעריק, אַזוי ווי

אַנדערע, נאָר האָט זיך באטראכט, ווי איינער פון אונדז אלע אומגליקלעכע, פלעגט ער אָפּטמאָל קריגן קלעפּ און אויסשטיין ענוים צוגלייך מיט די אנדערע. אין דעם מאָמענט, ווען ער איז צו מיר צוגעקומען, איז ער נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אַ דרייטאָגיקן קארצער. זייענדיק אין קארצער, פלעגט ער איין מאָל א טאָג אין דער פרי ארויסגיין אויף ארויסצוטראָגן דעם עמער מיט אומריינקייטן, און נאָך דעם פלעגט ער זיך צוריקקערן אין זיין שמוציקער נאָרע. איצטער האָט ער אויסגענוצט דעם מאָמענט, וואס קיינער איז לעבן מיר נישט געווען און אויסדריקלעך און קאטעגאָריש געפאָדערט, אז די יוגנט זאָל זיין געדולדיק, ווייל עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט פון אויסלייזונג. ער האָט דאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט מיט אַ באַפעלערישן טאָן. איך האָב אויסגעפילט, אַז דאָס איז שוין ווירקלעך דער לעצטער טערמין און אז דער סוף דערנענטערט זיך. ווען איך בין פארנאכט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָב איך צונויפגערופן אַ פארזאמלונג און נאָכגעקאָנטראָלירט, צי אלץ איז ווי געהעריק צוגעגרייט. אַלע זענען געווען אויפגעהייטערט. די נאַכט האָט מען פאַרבראכט אָן שלאָף. מיר האָבן זיך שוין געזען הינטער די טויערן פון גהינום. די היצן זענען דערווייל געוואָרן אַלץ מער אומדערטרעגלעך. עס האָט געשטיקט אזוי, אז עס איז שווער געווען איינצושטיין אויף די פיס. דערצו האָבן נאָך אויסדאמפונגען און אַ שרעקלעכע היץ געשלאָגן פון די אויוונס. אונדזערע פארפאָלגער האָבן מחמת דעם באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן אַרבעטן פון 4 פאַרטאָג ביז 12 בייטאָג. 12 פלעגט מען אונדז פארשליסן אין די באַראַקן. מיר זענען ווידער געווען אין פארצווייפלונג. עס וועט שווער זיין זיך ארויסצוקריגן. אבער עס האָט זיך געפונען אַן עצה. מיר האָבן זיי אויפגעקלערט, אַז עס וועט זיין בעסער, אויב מען וועט די מתים גיכער פאַרברענען, און עס זענען פאַראַן וואָלונטירן, וועלכע זענען גערן גרייט פאר א שטיקל צוגאָב-ברויט צו אַרבעטן לענגער. זיי האָבן איינגעשטימט. מיר האָבן איינגעשטעלט צוויי שיכטן — פון 12 ביז 3 נ. מ. און פון 3 נ. מ. ביז 6 נ. מ. מיר האָבן אויסגעקליבן פאַסיקע מענטשן און האָבן טאָג-טעגלעך געוואַרט אויפן צייכן. הינטערן שטח פון אונדזער באַראַק איז געווען א ברונים, וואָס האָט צוגעשטעלט וואסער אין קיך און אין דער וועשעריי. מיר האָבן אויסגענוצט אויך אָט דאָס „טירל", ביי וועלכער עס פלעגט איבעריקנס שטיין אַ וואַך. מען פלעגט אָפּט אומנויטיק גיין נאָך וואסער, כדי די וואַך זאָל זיך צוגעוואוינען צו אונדזער ארויסקומען.

איצטער איז כמעט נישט געווען קיין שום טראנספּאָרטן, אויסער עקזעקוציעס, וועלכע מען פלעגט דורכפירן איבער איינצלנע יידן. האָבן דאָך אונדזערע הענקער נישט געקענט זיצן אָן אַ שטאָך מלאכה.

אין איינעם אַ טאָג זענען אַלע ווידער אין אַ גוטער שטימונג. זיי קאָנען צוריק טאָן זייער רוצחישע ארבעט. זיי האָבן קרבנות. מען האָט געבראכט אַ טראנספּאָרט פון ווארשע, וואָס האָט כלומרשט גע־דאַרפט אָפּגעשיקט ווערן קיין אויסלאנד. דאָס זענען געווען מענטשן גוט סיטואירטע. עס האָט זיך אויף זיי אָנגעזען זייער וואוילשטאַנד. זיי זענען געווען ביי אַ טויזנט מענטשן, מענער, פרויען און קינדער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ טראנספּאָרט מענטשן, וועלכע האָבן באַצאָלט אַ היפּשע סומע, אַז מען זאָל זיי אָפּפירן ערגעץ־וואו, אין אַ זיכערן פּלאַץ. מען האָט ביי זיי אַלץ צוגענומען. אין וואַרשע האָט מען זיי געהאלטן, ווי איך האָב זיך דאָס שפּעטער דערוואוסט, אין ערשט־קלאַסיקן האָטעל פּאָלסקי, אויף דלוגא און מען האָט זיי אויסגעעגנדיקט אין טרעבלינקע. מיר האָבן זיך דערוואוסט ווער דאָס זענען געווען, לויט זייערע דאָקומענטן, ווען מיר האָבן געאַרבעט ביי סאָרטירן זייערע זאכן. זיי זענען אומגעקומען אזוי ווי אַלע.

אויפן זעלבן אופן האָט מען געבראכט טראנספּאָרטן פון אויס־לאנד. מען האָט זיי געזאָגט, אַז מען פירט זיי אויף באַזעצן אין אַ נייעם פּלאַץ, אין טרעבלינקע. און זיי פלעגן אַרויסשטעקן די קעפּ פון די וואַגאָנען אויף די סטאַנציעס און נאָכפרעגן זיך גאַנץ רואיק, ווי ווייט איז נאָך צו טרעבלינקע. זיי האָבן אויסגעמאַטערטע גע־וואָלט וואָס גיכער דערגרייכן צו זייער מקום מקלט, וואו זיי וועלן זיך ענדלעך אויסרוען נאָכן לאנגן וועג. זיי זענען אָנגעקומען און זיי האָבן נישט געהאט קיין צייט צו דערשרעקן זיך און ווערן אי־בערראשט, ערשט זיי האָבן זיך שוין אָפּגערוט אויף אייביק. איצ־טער וואקסט לובין אויף זייער אַש.

נאָך אָט דעם טראנספּאָרט איז געקומען אַ טראנספּאָרט פון טרעבלינקער שטראָף־לאַגער. ארום 500 יידן. זיי זענען געווען האַלב־לעבעדיק, איבערגעאַרבעט, אויסגעמוטשעט און צעמזיקט. אַז מען האָט אויף זיי געקוקט, האָט זיך געדוכט, אַז זיי בעטן אויף זיך אַליין דעם טויט. מען האָט זיי דערמאָרדעט ווי אַלעמען.

מיר זענען שוין געווען נאָנט צו דער גרענעץ פון אונדזער פּיין. דער טערמין פון באפרייאונג האָט זיך דערנענטערט. דעמאָלט איז

מיין שעה, לעפלער, וואָס האָט מיך גוט באַהאַנדלט, איבערגעשיקט געוואָרן קיין מיידאַנעק. ער האָט געוואָלט נישט אַנדערש מיך מיט־נעמען צו אַרבעט. איך בין געווען אין א שרעקלעכער לאַגע. איך האָב געוואוסט, אַז אן אומברחמנותדיקער טויט לויערט אויף יעדערן פון אונדז. דער פּסק-דין איז ארויסגעגעבן. אויב איך וועל אָנקומען קיין מיידאַנעק, וועל איך אין די נייע באַדינגונגען נישט קאָנען אַזוי שנעל אויסאַרבעטן זיך א וועג צו פרייהייט. עס וועט אַוועק פיל צייט ביז וואַנען איך וועל דערקאָנען נייע מענטשן און נייע באַדינגונגען. אָבער דער אויסוואַל אין פּלאַץ האָט זיך נישט געווענדעט אָן מיר. איך האָב נאָך געמוזט מאכן דעם אָנשטעל, אַז איך בין צו־פרידן, וואָס לעפלער האָט מיך אויסגעטיילט. צו מיין גליק האָט דער „הויפּטשטורמפירער" נישט דערלויבט מיך צוצונעמען. דערווייל האָט ער מיך נאָך געדאַרפט האָבן. מיר איז דאָס אויך געווען אויף דער האַנט. אין דער זעלבער צייט, איך ווייס נישט אונטער וואָס פּאַר אַן איינפלוס, האָט מען אונדז געהייסן שרייבן בריוו. אויך דאָ האָבן זיך געפונען געגנוג נאַאיווע, וואָס האָבן געשריבן. שפּעטער האָב איך אליין געזען, ווי מען האָט די בריוו געברענט. וואָס איז דאָס געווען — א קאַפּריז, א שפּיל, צי עפּעס אַנדערש — ווייס איך נישט.

די ענדגילטיקע, נישט אָפּצורופן מער, דאַטע פון אויפשטאַנד איז באַשטימט געוואָרן אויפן 2טן אויגוסט. מיר האָבן געפילט, אַז דער טערמין איז שוין אַ זיכערער. מיר האָבן געפּאַדיעט אַרום די איינ־צעלהייטן: צי אַלץ איז צוגעגרייט און צי די מענטשן געדענקען זייערע אויפגאַבן. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אַ רייע טעג בין איך נישט געקומען אין לאַגער איינס. איך האָב געמאכט אַן אַכטקאַנ־טיקן בנין מיט א הענגנדיקן דאַך פאַרן ברונים. איך האָב געמאַכט אַ באַוועגלעכן בנין אין לאַגער 2 אויף צו צענעמען אים שפּעטער און אַריבערטראָגן אליין אין לאַגער 1. דאָס האָט מיך אויפגערעגט, מחמת איך האָב זיך נישט געקאָנט פאַרשטענדיקן מיטן לאַגער איינס און די לעצטע דאַטע האָט זיך דערנענטערט.

דער טאָג פון 2טן אויגוסט 1943 איז אויסגעפאַלן זייער אַ הייסער. די זונען-שטראַלן האָבן דורך די קליינע, נעבעכדיקע, פאַרקראַטעווע־טע פענצטער זיך אַדורכגעגאַנבהט אין אונדזערע באַראַקן. מיר האָבן אַ גאַנצע נאכט נישט צוגעמאכט קיין אויג. דער באַגינען האָט אונדז געטראָפן אויף די פיס. יעדערער האָט געדענקט וועגן דער וויכטי־

קיים פון דעם מאָמענט. מען האָט געטראַכט וועגן פרייהייט, אַלץ איז שוין פאַרמיאוסט געוואָרן. אַ נקמה אין די הענקער און פרייהייט. אַליין האָב איך געטרוימט וועגן רואיק איינשלאָפן ערגעץ אין אַ וועלדל און אָפּרוען. אָבער ערשט איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען ווי שווער עס איז די אויפגאַבע, וועלכע מיר האָבן צו דערפילן. ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט — זענען פון אַלע זייטן וואַך-טורעמס. אויף זיי וועכטער מיט וואָפן. אויף יעדן טריט און שריט אַ באַוואָפנטער אוקראַינער אָדער דייטש. 12 בייטאָג פאַרשפאַרט מען אונדז שוין אין באַראַק. דער גאַנצער לאַגער איז ארומגערינגלט מיט אַזוי פיל פאַרקנס און גריבער. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען איז שוין גענוג די פיין, גענוג די שרעקלעכע בילדער. מיר האָבן דערמיט געוואָלט מאַכן אַ סוף. איך האָב זיך געשטעלט פאַר אַ ציל דאָס צו באַשרייבן. אַנצייכענען דעם פּלאַן פון פאַרברעכנס-פּלאַץ און ווייזן עס דער וועלט. דאָס האָט מיר צוגעגעבן קראַפט אין קאַמף מיט אַט די טיוולאַנים. און ווען איך האָב אַנגעמערקט אַזאַ אַלגעמיינעם ציל, איז מיר לייכטער געוואָרן אַריבערצוטראָגן דעם אומגליק. איצטער האָב איך בחוש געפילט, אַז איך וועל פון דעם אַלעם אַרויס גאַנץ און פריי. אין דער לופט האָט זיך געשפירט, ווי עס דערנענטערט זיך דער שטורם. מיר אַלע זענען אין דער גרעסטער שפּאַנונג. די דייטשן און אוקראַינער פילן גאַרנישט פאַרויס. זיי האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען, זענען זיי שוין איינגעאיבט אין טויטן, דאַרפן זיי דען מורא האָבן פאַר אַ פאַרבליבענעם נעבעכדיקן הייפל? זיי גיבן אַרויס באַפעלן, וועלכע ווערן אויסגעפירט ווי תמיד. אָבער די פון אונדז, וועלכע געהערן צו דער קאָמיסיע, זענען אומרואיק. אונדז פעלן ידיעות. מיר ווייסן נישט די שעה. איך דריי זיך ווי אַ משוגענער. איך אַרבעט, טו אַלץ, אָבער איך האָב שרעקלעך מורא, אַז מיר וועלן דעם קאָנטאַקט נישט אָנקניפּן און אומקומען בחינם.

איך האָב געפונען אַ וועג צו פאַרבינדן זיך מיט לאַגער איינס. מיין שעף, לעפלער, איז שוין נישטאָ. עס איז פאַראַן אַ נייער, זיין נאָמען ווייס איך נישט. מיר רופן אים „בראָנזענע העמד". צו מיר באַציט ער זיך זייער גוט. איך גיי צו צו אים און בעט ברעטער. דער ברעטער-סקלאַד איז אין לאַגער איינס. ער וויל מיך נישט אָפּרייסן פון דער אַרבעט און גייט מיט עטלעכע אַרבעטער נאָך די ברעטער. מען ברענגט די ברעטער. איך באַטראַכט זיי, מעסט זיי, זאָג, אַז זיי טויגן נישט און אַז איך מוז צום באַדויערן, אַליין גיין אויסקלייבן. איך גלייך זיך אויס און מאַך אַ קרומע מינע, ווי איך וואָלט נישט גע-

האָט קיין חשק צו דעם. איך גיי מיטן שעף צום סקלאַד און ציטער פון אויפרעגונג. איך פיל, אז אויב איך וועל נישט אויסנוצן אָט די געלעגנהייט, זענען מיר פאַרלאָרן. איך בין שוין אין לאַגער איינס. איך קוק זיך אומרואיק אַרום, צי וועט מיר זיין באַשערט אויסצופירן אַזאַ גרויסע אויפגאַבע? איך האָב מיט זיך נאָך דריי מענטשן. דעם סקלאַד היט א ייד פון א יאָר 50 אין ברילן. איך ווייס גאָרנישט וועגן אים, מחמת ער איז פון לאַגער איינס. ער האָט אָבער געהערט צו דער פאַרשווערונג. דריי פון מיינע צוהעלפער האָבן גערעדט מיטן דייטשן שעף און איך האָב כלומרשט אָנגעקליבן ברעטער. איך בין בכיון אַוועק אין א זייט פון אַלעמען און אַליין געקליבן. פּלוצלונג הער איך, עמיצער פּליסטערט מיר אין אויער: **היינט אומאָפּרופלעך 5.30.** איך קער זיך אום גלייכגילטיק, און זע פאר זיך יענעם יידן, וואָס היט די ברעטער. ער חזרט דאָס איבער נאָך אמאָל און גיט צו — „עס וועט זיין א צייכן". איך רייב דורך די אויגן און גלויב נישט זיך אַליין.

פיבערהאַפט נעם איך די ברעטער, וואָס זענען אונטער דער האַנט. איך היים די חברים זיי נעמען און גיי צו דער אַרבעט. איך ציטער. איך שרעק זיך, אז מען זאָל אין מיר נישט דערקענען מיין צעדרודערונג. אזוי איז אַדורך די צייט ביז 12 אזייגער. 12 זענען אַלע געקומען פון דער ארבעט. ווידער א צונויפקום פון אונדזער קאָמיסיע. איך גיב זיי איבער די ידיעה. איך בעט, אז אלע זאָלן זיין רואיק און געדענקען זייערע פליכטן. די יוגנט איז שטאַרק אויפגערודערט. ווען איך קוק אויף אונדזער קליינער גרופּקע, הויב איך אָן צו גלויבן אין זיג. מיר מערקן אָן וואָלונטירן פאר דער נאָכמיטאָקדיקער ארבעט. די ערשטע פּאַרטיע האָבן מיר אָנגעמערקט אָן ערגערע און א שוואַכערע: זי האָט נישט צו דערפילן קיין שום אויפגאַבן. אָט די גרופּע איז דריי אזייגער צוריקגעקומען. דעמאָלט זענען אוועק אונדזערע וואָלונטירן. דאָס זענען געווען דרייסיק מאַן, די דרייסטסטע, די מוטיקסטע און די שטאַרקסטע. זיי האָבן דאָס געדאַרפט דורכריינקין דעם וועג פאר די, וועלכע וועלן אנטלויפן אויף די פאַרשידנסטע אופנים. אויסער דעם האָבן מיר אויסגעקליבן די פּאַסיקסטע מענטשן צום ברונים. פינף פאַרנאַכט איז געוואָרן א גרויסע באַדערפעניש אין וואַסער. מען האָט אין גאַנצן געעפנט דעם טויער, וואָס האָט געפירט צום ברונים, און צוליב דער גרויסער נויט אין וואַסער האָט מען פאַרגרעסערט די צאָל וואַסער-טרעגער. די. וואָס האָבן געאַרבעט ביי די מתים האָבן געטראָגן נאָר געשטרייפטע

קאַמבינעזן. פאַר טראָגן קליידער האָט מען געקריגן 25 שמיץ. אין יענעם טאָג האָבן זיי אונטער די קאַמבינעזן אָנגעטאָן קליידער. בעתן אנטלויפן האָבן זיי באדארפט די קאַמבינעזן אַוועקוואַרפן, אַנדערש וואָלט מען זיי דערקענט. מיר זענען פארבליבן אין באַראַק. מיר האָבן זיך צונויפגעדרענגט און געקוקט איינער אויפן צווייטן. יעדער ווײַלע האָט אַן אַנדערער דערמאָנט, אַז די צייט דערנענטערט זיך. וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, איז שווער צו שילדערן. מיר האָבן אין אונדזערע געדאַנקען זיך געזעגנט מיטן פלאַץ, וואו עס רוט דאָס אַש פון אונדזערע ברידער. צער און ליידן האָבן אונדז צוגעשמידט צו דעם דאָזיקן פלאַץ. אַזוי פיל אומשולדיקע זענען אומגעקומען אָט דאָ, פון וואַנען מיר ווילן נאָך אנטלויפן לעבעדיקערהייט. זייערע גרויסע רייען, ממש קאַראַהאָדן פון טויט, זענען אויסדריקלעך גע־שטאַנען פאַר אונדזערע אויגן און האָבן גערופן צו נקמה.

מיר ווייסן, וואָס די ערד האָט איינגעשלונגען. מיר זענען די איינציקע עדות דערפון. שטילשווייגנדיק האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן אַש פון אונדזער פאָלק און צוגעזאָגט, אַז פון זיין בלוט וועט אויפשטיין א נקמה-נעמער.

פלוצלונג הערן מיר א רוף: אַ שאָס אין דער לופטן.

מיר רייסן זיך אויף פון די ערטער. יעדער וואַרפט זיך אויסצו־פילן די אויפגאבע, וואס איז פריער פאר אים באַשטימט געוואָרן. יעדער פילט אַלץ אוים געוויסנהאפט. צו די שווערערע אויפגאבע איז פאררעכנט דאָס אַראָפּשלעפּן די אוקראַינער פון די אָבסערוואַציע־טורעמס. ווען זיי וואָלטן באַצייטנס אָנגעהויבן אויף אונדז שיטן מיט קוילן, וואָלטן מיר נישט ארוים קיין לעבעדיקע. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע תאווה צו גאָלד און האָבן כסדר געהאַנדלט מיט יידן. ווען עס איז געפאלן א שאָס, האָט זיך איין ייד דערנענטערט צום טורעם און באַוויזן דעם אוקראַינער א גאָלדענע מטבע. יענער האָט לחלוטן פאַרגעסן אַז ער געפינט זיך אויף דער וואַך, האָט געלאָזן שטיין דאָס מאַשינען-געווער און איז שנעל אַראָפּגעלאָפן, כדי אַרויסצונעמען פון יידיד דעם אוצר. צוויי אנדערע יידן האָבן אין אַ זייט געוואַרט אויף אים. פלוצלונג האָט מען דעם אוקראַינער געכאפּט, דערהרגעט און צוגענומען זיין געווער. אויך מיט דער וואַך אויף די טורעמס האָט מען זיך שנעל אן עצה געגעבן. יעדער, וועמען מען האָט אויפן וועג באַ־געגנט איז דערהרגעט געוואָרן. דער אָנפאַל איז געווען אַן אומגע־ריכטער. איידער זיי האָבן זיך באוויזן צו אָריענטירן — איז שוין

דער וועג געווען פאר אונדז אָפן. פון דער וואך־שטוב האָט מען ארויסגעטראָגן געווער, און יעדער האָט גענומען, וואָס ער האָט נאָר באַוויזן. תיכף נאָכן סיגנאל האָט מען ביים ברונים דערהרגעט דעם וואכמאן און צוגענומען זיין געווער. אלע זענען מיר ארויסגעלאָפן פון באַראַק און יעדער האָט פארנומען זיין פּאָזיציע. אין משך פון געציילטע מינוטן האָט אַלץ געברענט.

מיר האָבן מוסטערהאפט אויסגעפירט אונדזער הייליקע פליכט. איך האָב זיך באַוואָפנט און געשניטן אַרום זיך אויף רעכטס און לינקס. ווען איך האָב געזען, אַז אַלץ ברענט און דער וועג איז אָפן, האָב איך געכאַפּט די האַק און א פייל און בין אנטלאָפן.

די ערשטע מינוט זענען מיר געווען די בעלי־הבתים פון דער סיטואציע. אָבער — אין א קורצער ווײַלע אַרום האָט זיך פון אַלע זייטן אָנגעהויבן א געיעג אויף אונדז — פון מאַליקן, קאַסאָוו און פון דעם שטראָף־לאָגער טרעבלינקע. ווען מען האָט דאָרט (אין טרעבלינקע) באַמערקט אַ פייער און געהערט שאָסן — איז מען געקומען העלפן.

אונדזער ציל איז געווען — אַרײַנצובאַקומען זיך אין וואַלד.

דער נאָנטסטער וואַלד האָט זיך געפונען 8 קילאָמעטער פון לאַגער. מיר זענען געלאָפן איבער בלאָטעס, פעלדער און גריבער. אויף יעדן טריט און שריט האָט מען אונדז נאָכגעשאָסן. יעדע סעקונדע איז געווען טייער.

נאָר זיך אַרײַנצובאַקומען אין וואַלד — דאָרט וועלן די רוצחים ניט קומען. אַזוי לויפנדיק אָן אָטעם פאַרויס, האָב איך געמיינט, אַז איך בין געראַטעוועט. פּלוצים דערהער איך אונטער זיך אַ רוף: „שטיי". איך בין שוין געווען שרעקלעך אויסגעשעפּט. דאָך האָב איך אָנגעהויבן שנעלער לויפן. איך זע — דער וואַלד איז שוין גאָר נאָנט, ממש א פּאָר שריט. איך נעם צונויף אַלע כחות, אַבי אויסהאַלטן. דער געיעג ווערט אַלץ נענטער. איך הער שוין די טריט פון מיין פאַרפאָלגער. פּלוצלים דערהער איך א קלאַפּ — און אין דעם מאָמענט דערפיל איך א שטאַרקן ווייטאָג אין דער לינקער האַנט. איך דריי זיך אוים און פאר מיר שטייט דער וואַכמאַן פון טרעבלינקע און צילט ווייטער אין מיר פון א רעוואָלווער־אויטאָמאַט, אַ ניינטל. איך קען מיך גוט אויף געווער. איך האָב באַמערקט, אַז דער רעוואָלווער האָט זיך פאַרהאַקט. האָב איך אויסגענוצט דעם מאָמענט, איך האָב מיט א כיון אָנגעהויבן פּאַמעלעכער צו גיין. איך האָב

אַרויסגעצויגן די האַק. דער אוקראַינער איז אַליין צוגעלאָפן צו מיר און געשריען אויף אוקראַיניש: „הער אויף, שטיי, ווייל איך וועל שיסן". איך האָב זיך דערנענטערט צו אים און מיט דער האַק אַדורכגעשניטן זיין ברוסט פון דער לינקער זייט. ער איז געפאַלן צו מיינע פיס און אויסגעשריען א רוסישע קללה.

איך בין געוועזן פריי און בין אריינגעלאָפן אין וואַלד. ווען איך בין דורכגעגאַנגען א היפּש שטיקל וועג, האָט איך זיך אָפּגעזעצט צווישן די קוסטעס. פון דער ווייטנס האָט זיך דערטראָגן א געדיכטע שיסעריי. אַ קויל — אַ וואונדער איבער וואונדער — האָט מיך ניט פאַרוואונדעט. זי האָט דורכגעשלאָגן אַלע מלבושים און זיך אָנגעשלאָגן אָן דער לאָפּאַטע, בלויז איבערלאָזנדיק א צייכן. איך האָב זיך אָפּגערוט איינער אַליין.

יאַנקעל וויערניק.